כאָטש ער האָט געשוויגען, ווייס איך וויפיעל גליק דאָס וועט איהם פאַרשאַפען. היינט אין אָווענד וועט צו אונז קומען שפרה און זי וועט מיט דיר אויך ריידען, און איך בעט דיך, רות, טהו אָפּ דעם טרויער פון דיין פנים, ווייל ניט אויף אייביג דאַרף מען טרויערען. די צייט פון גליק איז פאַר דיר געקומען.

— איהר זייט אַלע צו מיר אזוי גוט! — האָט רות אַרומגענומען שרה'ן און זי באַדעקט מיט קושען— ווען ניט אייער אַלעמענס גנעדיגקייט און פריינדליכקייט וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען די ,גאַנצע צייט וואָלט איך געוויס מיינע ליידען ניט געקענט אַריבערטראָגען. פיעלע מאָל האָב איך גאָט געבעטען ער זאָל מיך פון מיינע ליידען באַפרייען און מיך צונעהמען צו זיך, וואו איך וועל זיך קענען באַגעגנען מיט דוד'ן, מיט מיין ליעבען געטרייען מאַן. אָבער זייענדיג צוזאַמען מיט אייך, איז מיר געווען גרינגער אַריבערצוטראָגען מיינע ליידען. מיין ליעבע טאָכטער האָט מיר געגעבען כח און מוטה... און ווען דער ווירדיגער יוסף אבן עקנין איז אָנגעקומען, האָב איך אויף איהם געקוקט מיט אַכטונג און עהרענפורכט. איך האָב גלייך אין איהם דערקענט אַז ער איז אַ מענש מיט אַן ערהויבענע נשמה, און איך בין זיך מודה, מיין טייערע שרה, אַז איך בין ניט ווירדיג אפילו צו טראַכטען פון איהם!

— רות, דו טאָרסט אזוי ניט ריידען! — האָט שרה איהר פאַרגעוואָרפען. — ניט נאָר ווייסען מיר אַלע ווי דיך צו שעצען, נאָר אויך יוסף אבן עקנין, כאָטש ער האָט זיך געמאַכט טויב און שטום, זיינען מיר אָבער ניט בלינד געווען. מיר האָבען אַלע געקענט זעהן זיינע וואַרימע צערטליכע בליקען וואָס זיינען געווען געווענדעט אין דיין ריכטונג. און איך ווייס ווי גליקליך עס וואָלט איהם געמאַכט, ווען ער ווייס אַז אין דיין הארצען געפינט זיך אַ שטיקעל פלאַץ פאַר איהם. מיר אַלע וואָלטען אייך ביידען געוואָלט זעהן גליקליך.

אַ רויטקייט האָט באַדעקט רות'ס פנים. זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען און זי האָט געשוויגען.

## קאַפּיטעל פופצעהן

אין דער צייט ווען אין מצרים און אין די אַנדערע לענדער וואָס זיינען געווען אונטער סאַלאַדינ'ס הערשאַפט, האָבען די אידען געלעבט רוהיג און צופרידען, איז אויף די אידען פון תימן געקומען אַ גרויסער אומגליק. שוואַרצע וואָלקענס האָבען באַדעקט זייער ליכטיגען הימעל.

דאָס לאַנד תימן וואָס געפינט זיך אין דרום אַראַביע און גרעניצט זיך אין מערב פון דעם ים סוף, איז געווען זעהר אַ וויכטיג לאַנד, וואו דער מסחר האָט געבליהט. אין תימן האָבען זיך געפונען פיעלע אידען וועלכע האָבען זיך געלעבט גאַנץ רוהיג. כאָטש סאַלאַדין איז דאָרט געווען אַנערקענט פאַר דעם הערשער, איז ער אָבער דאָרט ניט געווען באַפעסטיגט און די מאַכט איז אַריינגעפאַלען צו איינעם פון די דאָרטיגע הערשער מיט'ן נאָמען מאהדי, וועלכער איז געווען זעהר אַ שטאַרקער פאַנאַטיקער ווי אַלמומין דער הערשער פון דרום שפאַניען און מאַראָקאָ.

מאהדי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ גזרה אַז אַלע ניט מאַכמעדאַנישע איינוואָהנער פון תימן מוזען אָננעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, אַז ניט וועלען זיי שטאַרק באַשטראָפט ווערען. האָבען פיעלע אידען פון תימן, אַזוי ווי די אידען פון שפּאַניען און מאַראָקאָ, אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען לפנים וועגען אָבער אין געהיים זיינען זיי פאַרבליבען געטרייע אידען. אָבער דאָס רוב פון די תימנ'ער אידען זיינען געוועזן עמי הארצים, און אַ גרויס געפאַהר איז דאַן געווען, אַז די יעניגע וועלכע האָבען כלמרשט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע וועלען אין גיכען ווערען מאַכמעדאַנער אין דער ווירקליכקייט.

עס האָט טאַקע פּאַסירט, אַז אַ משומד מיט'ן נאָמען שמואל אבן אבאס האָט אָנגעהויבער פּרעדיגען צו די אידען אַז מאַכמעד איז דערמאָהנט אין דער תורה. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס געפינט זיך אין חומש בראשית „במאד מאד" מיינט עס מאַכמעד (מחמד), ווייל די צאָהל פון די צוויי ווערטער „במאד מאד" באַטרעפט צוויי און ניינציג און דער נאָמען מחמד אין העברעאיש באַטרעפט אויך צוויי און ניינציג און דעריבער איז דאָס אַ סימן אַז די תורה האָט מרמז געווען וועגען דעם מולעמאַנישען „נביא" מחמד.

עס איז ניט געווען שווער דעם משומד שמואל אבן אבאס צו געפינען צווישען די אומוויסענדע אידען אַזעלכע וועלכע האָבען איהם אָנגעפאַנגען צו גלויבען און זיי האָבען זיך מיט'ן גאַנצען האַרצען גענומען באַקעהרען צום מאַכמעדאַניזם.

דער משומד האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַנוגענט. ער האָט געמאַכט בלבולים אויף די אידען און זיי פאַרמיאוסט אין די אויגען פון די דאַמאָלדיגע הערשער. ער האָט באַשולדיגט די אידען אַז זיי האָבען מיט אַ כיון אויסגעמעקט פיעלע ווערטער פון דער תורה, וואו עס איז דייטליך אָנגעוויזען געוואָרען אַז מחמד איז אַ היילינגער נביא.

„די אידען האָבען צודרעהט פיעלע פּסוקים, נעפעלשט און געענדערט פיעלע ווערטער, כדי צו שעדיגען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע."

דאָס האָט אַרויסגערופען גרויס צאָרן פון דעם הערשער און ער האָט זיך גענומען זיי צו באַשטראָפען.

און ווי דאָס וואָלט נאָך געווען ווינציג צו די אידישע צרות, האָט זיך געפונען איינער אַ פאַנאַטישער איד, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס דער שליח פון משיח'ן. ער האָט גענומען איינריידען אַלע אידען אַז משיח איז שוין אויפ'ן וועג און ער וועט זיך אין גיכען ערשיינען אין לאַנד פון תימן.

פיעלע אידען און אויך אַראַבער האָבען זיך אַרום איהם פאַרזאַמעלט. ער פלעגט פּרעדיגען פאַר זיי און ער האָט זיי געהייסען זיין גרייט צו באַגעגענען משיח. ער פלעגט אַוועקגעהן מיט זיין צו די בערג זאָגענדיג צו זיינע נאָכפאָלגער: „קומט און מיר וועלען געהן באַגעגענען דעם מלך המשיח". די באַוועגונג האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטען צווישען די אידען. דער שליח האָט גענומען איינריידען זיינע נאָכפאָלגער, אַז זיי לאָזען צוטיילען זייער געלט צו די אָרימע לייט, ווייל אין גיכען קומט משיח און זיי וועלען דאָס ניט דאַרפען.

ווען דער הערשער, מאהדי, האָט דערהערט אז די אידען זוכען צו פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק, אַז משיח קומט, איז ער נאָך מעהר אויפגעבראַכט געוואָרען. ער האָט גאַנץ גוט געדענקט וואָס מיט איינציגע יאָהרען צוריק האָט דוד אלראי זיך ערקלערט פאַר משיח'ן אין באגדאַד, וואו ער האָט געהעצט די אידען געגען דעם סולטאַן און געוואָלט מאַכען אַן אויפשטאַנד.

מאהדי'ס צאָרן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין גזרה. ער האָט באַפוילען, אַז יעדער איד וועלכער וועט ווערען אַ מאַכמעדאַנער וועט קענען פאַרבלייבען אין לאַנד, און אויב עס וועט זיך געפינען איינער וועלכער וועט זיין פאַר'עקשנ'ט און וועט וועלען גלויבען בלויז אין משה'ס תורה, וועט געטויטעט ווערען.

ווען די טרויעריגע נייעס האָט דערגרייכט די אידישע איינוואָהנער, זיינען זיי ערשיטערט געוואָרען. פון גרויס פאַרצווייפלונג האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. פיעלע האָבען זיך שוין גענומען מיאש זיין זיי האָבען ניט געזעהן פאַר זיך קיין אויסוועג. איינציגווייז האָבען זיי אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען.

ווען דער רב און חכם פון תימן, רבי יעקב בן נתנאל, האָט געזעהן וואָס עס קומט פאָר, האָט איהם אָנגענומען אַ גרויס שרעק. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער האָט קיין עצה ניט געפונען. ער האָט געזעהן ווי דאָס יודענטהום געהט אונטער אין תימן און ער איז הילפלאָז און קען גאָרניט אויפטהאָן.

דורך אַ צופאַל איז אין יענער צייט דורכגעפאָהרען דורך תימן דעם רמב"ם'ס אַ תלמיד פון קאירא מיט'ן נאָמען רבי שלמה הכהן.

רבי יעקב בן נתנאל האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען דאָס האַרץ און ער האָט איהם געבעטען אַן עצה.

— די איינציגע עצה וואָס איך קאָן דיר געבען — האָט רבי שלמה הכהן זיך אָפּגערופען — איז, אַז דו זאָלסט אָוועקשרייבען אַ בריף צו דעם רמב"ם, און ער מיט זיין גרויסקייט און קלוגשאַפט, מיט זיין גרויסע השפעה וועט וויסען ווי אַזוי צו העלפען די אומגליקליכע אידען פון תימן. דו דאַרפסט אויך ניט פאַרגעסען, אַז אין דער צייט ווען אַלע אידען פון פערסיען און בבל האָבען זיך געלאָזען פאַרפיהרען פון דעם שווינדלער דוד אלראי, האָט דער רמב"ם מיט זיין צונויפשרייבען זיך מיט דעם רב און דיין פון ארץ ישראל, רבי יפת, אַ סך געהאָלפען דערצו, וואָס די אידען האָבען זיך אין צייט אַרומגעזעהן און דורכדעם איז פאַרמידען געוואָרען דער גרעסטער אומגליק וואָס האָט געקענט קומען אויף די אידען פון יענע לענדער.

יע, איך האָב געהערט, אַז אין אַזאַ עהנליכע לאַגע זיינען מיט יאָהרען צוריק געווען די אידען פון שפּאַניען און מאַראָקאָ! — האָט רבי יעקב געזאָגט.

— און זיין בריעף וואָס ער האָט געשריבען צו יענע פאַרצווייפעלטע אידען אונטער דעם נאָמען „איגרת השמד", האָט אַ סך געהאָלפען. עס האָט באַרוהיגט זייערע געמיטער און געראַטעוועט פיעלע אידען פון שמד, און

איך האָב, אַז דער רמב"ם וועט אויך דיין קהילה העלפען ווען דו וועסט זיך ווענדען צו איהם נאָך הילף.

רבי יעקב בן נתנאל האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט אָוועקגעשיקט צום רמב"ם אַ בריעף, וואו ער האָט מיט אַלע איינצעלהייטען אויסגעשריבען די אומגליקען און צרות וואָס זיינען באַפאַלען די אידען פון תימן. ער האָט געשריבען וועגען דעם משומד שמואל אבן אביוס, וועמען עס איז געלונגען צו פאַרדרעהען פיעלע אידען די קעפּ און זיי געווינען צו דער מאַכמעראַנישער רעליגיע. אויך וועגען דעם פאַלשען שליח פון משיח'ן האָט ער איהם געשריבען און פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל אין זיין אויפרוף בריעף צו דער געמיינדע פון תימן ערקלערען וועגען די פאַרשידענע קיצים וואָס פיעלע האָבען פאַראויס געזאָגט ווען די גאולה וועט קומען. ער האָט איהם אויך געבעטען אויסצודריקען זיין מיינונג צו די אידען וועלכע דאַרפען ליגען געוויכט אויף די רייד פון דעם וועלכער גיט זיך אָן אַלס משיח'ס שליח „און דער אַלמעכטיגער גאָט, אונזער פאָטער אין הימעל, וועלכער ווייס דעם מענשען'ס געדאַנקען וועט דיר באַלוינען פאַר אַלעם וואָס דו וועסט אויפטהאָן פאַר מיין אומגליקליכע קהילה פון תימן" — האָט רבי יעקב פאַרענדיגט זיין בריעף.

רבי יעקב האָט דעם בריעף איבערגעשיקט צום רמב"ם אין קאַירא.

דער רמב"ם האָט גלייך איינגעזעהן די ערנסטקייט פון דער לאַגע און האָט קיין צייט ניט פאַרלוירען און אָנגעשריבען אַ בריעף צו רבי יעקב בן נתנאל, ער זאָל עס פאָרלייענען פאַר די אידען פון תימן.

דער בריעף איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען: איגרת תימן.

אין פיעלע טרייסט ווערטער, באַווייזונגען און רעיות, מאַכט דער רמב"ם קלאָר די אידישע לאַגע פון אַלע לענדער וואו זיי געפינען זיך צווישען פאַרשידענע אומות.

דער רמב"ם האָט איינגעטיילט זיין בריעף צו די אידען פון תימן אין פיער חלקים. אין ערשטען חלק רעדט ער וועגען דעם פאָלק ישראל וואָס איז שטענדיג געווען ווי אַ ציעלברעט פון די געצענדינער, פון די אָנהענגער פון מאַכמעד און פון די קריסטען, און תמיד האָט די אידישע רעליגיע גובר געווען איבער די דריי רעליגיעס און געהאַט די אויבערהאַנט איבער זיי, און אפילו ווען די אידען איז אויסגעקומען צו ליידען צוליעב די פאַרשידענע גרויסע צרות, איז דאָס ניט געווען דורך אַ צופאַל, נאָר פון די נסיונות פון גאָט, וועלכער וויל קלאָר מאַכען און רייניגען די הערצער פון די קינדער פון ישראל, צו זעהן אויב זיי גלויבען אין איהם מיט זייער גאַנצען הארצען. וועגען די שרעקליכע צייטען האָבען שוין אונזערע הייליגע נביאים פאָראויסגעזעהן דורך נבואה, און יעדער איינער, וועלכער איז אַ ריכטיגער מאמין, וועט אין דעם ניט צווייפלען, „ווייל דער באַשעפער האָט אונז אָגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער מיט דעם וואָס ער האָט אונז געגעבען די אמת'ע תורה און ער האָט אונז פאַראייניגט און דערהויבען דורך זיינע מצוות און געזעצען, האָבען אונז דעריבער די אַנדערע פעלקער מקנא געווען און האָבען אונז אָנגעפאַנגען אונטערצודריקען כדי אויסצוּוואָרצלען אונזער אמונה און דורך דעם וועלען מיר אָרונטערנידערען צו זייער

שטאפּעל. דאָס איז געטהאָן געוואָרען צו אונז אויף דריי פאַרשיידענע אופנים:

דער ערשטער אופן איז געווען דאָס וואָס אונזערע שונאים זיינען אונז באַפאַלען מיט'ן שווערד און שפּיעז, אין דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין אונזער לאַנד, אַזוי ווי עמלק, סיסרא, סנחריב, נבוכדנצר, טיטוס, אנדריונוס און אַנדערע.

דער צווייטער אופן איז אונז אָפּצואווענדען פון אונזער הייליגער תורה, דעם קוואַל פון אונזער לעבען, זיינען געקומען צו אונז דורך פאַרשידענע טענות און וויכוחים פון די אַזוי גערופענע קלוגע פערסיער און די גריכישע פילאָזאָפען. זייער ציעל איז געווען צו צושטערען מיט זייערע רייד אונזער פעסטען גלויבען אין אונזער גאָט. און וועגען די צוויי צושטערענדע וחות, וועלכע זיינען ניט געווען ערפאָלגרייך געגען אונז, האָט שוין לאַנג אונזער הייליגער נביא ישעיהו געזאָגט: כל כלי יוצר עליך לא יוצלח... און דאַן איז געקומען דער דריטער אופן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען אמונות וואָס זוכען זיך צו פאַרגלייכען צו אונזער אמונה און זוכען אונז צו געווינען אויף זייער זייט, און פון דעם דאַרפען מיר זיך זעהר אויסהיטען.

נאָכדעם קומט דער רמב"ם צו דעם צווייטען חלק פון זיין בריעף וואו ער ענטפערט רבי יעקב'ן וועגען דעם משומד, וועלכער זוכט צו פאַרדרעהען די קעפּ פון די אידען מיט פאַלשע צוטרעהטע פּסוקים. „וועגען אַזעלכע נארישקייטען, שרייבט דער רמב"ם, איז אפילו ניט כדאי זיך אָפּצושטעלען און אפילו ישמעאלים אליין גלויבען מעהר ניט אין דעם. עס איז דאָך לעכער־ליך צו הערען די באַשולדיגונג פון משומד, אַז די אידען האָבען אבזיכט־ליך געענדערט פּסוקים אין דער תורה וואו עס איז געווען אָנגעוואונקען וועגען מאַכמעד'ן. דער משומד אַליין ווייס ווי פאַלש אַזאַ באַהויפּטונג איז, ווייל איידער מאַכמעד איז געקומען אויף דער וועלט מיט הונדערטער יאָה־רען פריהער, איז שוין אונזער תורה איבערגעזעצט געוואָרען אין פאַרשי־דענע שפּראַכען, אין גריכיש, אין פּערזיש, אין ארמית און אין אַנדערע שפּראַכען. און ווען מען וועט זיך נעהמען די מיה און פאַרגלייכען אונ־זער תורה מיט די איבערזעצונגען, וועלען אַלע איינזעהן, אַז קיין זאַך איז פון אונזער תורה ניט געענדערט געוואָרען דורך דער גאַנצער צייט. ניין, אונזער הייליגע תורה קען קיינמאָל ניט געענדערט ווערען".

אין דעם דריטען חלק פון בריעף, רעדט דער רמב"ם וועגען קץ, וואו פאַרשידענע חכמים האָבען געמאַכט א פאַרזוך פאָראויס צו זאָגען דעם יאָהר פון דער גאולה. „זיי ווייסען, אַז עס איז ניט מעגליך פאַר אַן איינפאַכען בשר ודם צו וויסען דעם באַשטימטען יאָהר פון אונזער גאולה. פיעלע האָ־בען שוין געמאַכט פאַרזוכען, אָבער דאָך דאַרפען מיר האָפען, אַז ווען די צייט פון אונזער גאולה וועט קומען, וועט זיך אונזער פאָטער אין הימעל אויף אונז מרחם זיין און אונז אויסלייזען פון גלות".

אין דעם פערטען חלק פון רמב"ם איגרת תימן, רעדט ער וועגען דעם פאַלשען מאַן, וועלכער וויל איינריידען, אַז ער איז דער שליח פון משיח'ן. דער מאַן איז געוויס אָדער מוגע אָדער א שווינדלער, מילא די אומווי־סענדע פון פאָלק איז זעהר לייכט צו פאַרפיהרען, אָבער דו רבי יעקב,

האָסטו גלייך באַדאַרפט איינזעהן, אַז דער מאַן איז משוגע, ער איז אומוויסענד. ער הייסט אַלע אידען אוועקצוגעבען זייער גאַנצען פאַרמעגען פאַר צדקה אין דער צייט ווען אין אונזער תורה איז געשריבען, אַז מען דאַרף צדקה געבען „מכל אשר לו", מיינט בלויז אַ טייל פון זיין פאַרמעגען. און מיין עצה צו אייך אַליין, אַז ווען אין דער צוקונפט וועט אויפשטעהן אַזאַ מאַן, וועלכער וועט זיך אָנגעבען פאַר משיח'ן, זאָלט איהר פאַר קיין רגע ניט צעגערן און איהם אַריינשפּאַרען אין געפענגניס אַלס משוגענעם, ביז וואַנען עס וועט באַקאַנט ווערען צווישען די ניט אידען, אַז ער איז געשלאָגען אויף דער דעה און זיי וועלען איהם באַהאַנדלען ווי מען באַהאַנדעלט אַלע אַנדערע משוגעים, ווייל איהר דאַרפט וויסען, אַז אַזעלכע משוגעים האָבען געבראַכט פיעלע צרות אויף אונזער פאָלק און מיר טאָרען זיי ניט לאָזען ווידערהאָלען אַזעלכע אומגעהערטע זאַכען זאַכען וואָס קענען גאַנץ גרינג אַראָפּפיהרען פיעלע פון פאָלק פון גלייכען וועג.

צום סוף בעט דער רמב"ם פון רבי יעקב אַז ער זאָל פאַרשפּרייטען דעם בריעף צו די פאַרשיעדענע קהילות, צו פאַרשטאַרקען זייער אמונה און באַפעסטיגען זייער בטחון אין גאָט. רדיפות אויף אידען וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען, אָבער ישראל וועט אַלעס איבערלעבען. ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט צו זיין זעהר פאָרזיכטיג און זעהן אַז דער איגרת תימן זאָל ניט אַריינפאַלען אין די הענט פון אַרשע וואָס וועט נאָך פאַר'מסר'ן צו די אַראַבער, און דאָס וועט נאָך קענען ברענגען אַן אומגליק.

ווען דעם רמב"ם'ס בריעף „איגרת תימן" האָט דערגרייכט רבי יעקב בן נתנאל, האָט ער אויף איהם אַזוי גוט ווי אויף אַלע אַנדערע רבנים און חכמים געמאַכט אַ שטאַרקען רושם.

רבי יעקב האָט עס געלאָזט איבערשרייבען און מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט צושיקט צו די פאַרשידענע קהילות. דער איגרת תימן האָט באַרוהיגט אַלע פאַרביטערטע געמיטהער און זיי געטרייסט אין זייער אומגליק. זיי האָבען געקראָגען מוטה אַריבערצוטראָגען אַלע זייערע צרות און זיי זיינען געוועזען פול מיט האָפנונגען אויף בעסערע צייטען. דערווייל האָבען זיי זיך פעסט אָנגעהאַלטען אין זייער אמונה, און עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט, און די שרעקליכע גזרה וואָס דער הערשער פון תימן האָט אַרויסגעגעבען געגען די אידען, איז בטל געוואָרען, ווייל דער רמב"ם, זייענדיג אַזוי שטאַרק באַליעבט און געאַכטעט אין די אויגען פון קאַליף סאַלאַדין, האָט זיך משתדל געווען פאַר זיי. ער האָט סאַלאַדינ'ען ערקלערט די טרויעריגע לאַגע אין וואָס זיינע ברידער פון תימן געפינען זיך. סאַסאַדין האָט אוועקגעשיקט זיין ברודער מיט אַן אַרמעע און ער האָט איבערגענומען די הערשאַפט פון תימן. גלייך האָט דער נייער הערשער אַרונטערגענומען אַלע שלעכטע גזרות געגען די אידען און זיי האָבען זיך ווידער געלעבט גליקליך.

עס איז יעצט געבליבען בלויז די צרה פון דעם פאַלשען משיח, וועלכער האָט אַריינגעקראָגען פיעלע אָנהענגער און עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער וועט אַראָפּפיהרען פיעלע פון גלייכען וועג און דאַמיט ווידער ברענגען אויף די אידען אַן אומגליק.

צום גליק אָבער, איז געקומען אַ סוף אויך צו איהם אין יענער צייט. ער איז געבראכט געוואָרען פאַר דעם הערשער פון תימן מיט דער באשול־דיגונג אז ער זוכט צו פארפיהרען פיעלע מענשען דורך שווינדעל.

דער משיח אָבער האָט גע'טענה'ט, אז ער איז ווירקליך געשיקט גע־וואָרען אויסצוליזען די אידען און אויב מען וויל איהם ניט גלויבען, וועט ער באווייזען אַ נס וואָס וועט אַלעמען איבערצייגען. ער וועט זאָך לאָזען אָרונטערשניידען דעם קאָפּ און ער וועט בלייבען לעבען.

דער הערשער האָט באַפוילען דורכצופיהרען זיין פארלאַנג און פאַר אַ גרויסען פארזאַמעלטען עולם, וואָס איז באַשטאַנען אממהערסטען פון זיינע אָנהענגער האָט מען אָרונטערגעשניטען דעם קאָפּ פון דעם פאַלשען משיח. זיינע נאָכפאָלגער האָבען מיט פלאַטערענדע הערצער געוואַרט אויפ'ן גרויסען נס, און ווען זיי האָבען געזעהן אז דער קערפּער באַוועגט זיך ניט, האָבען באַלד אַלע איינגעזעהן, אז ער האָט זיי אָפּגענאַרט, און מיט עקעל אַ קללה אויף זייערע ליפּען צו דער ריכטונג, וואו דער טויטער פאַלשער משיח איז געלעגען, זיינען זיי אַוועק יעדער צו זיך אַהיים.

גרויס איז געווען די שמחה פון די אידען פון תימן און נאָך גרעסער און שטאַרקער איז דער רמב"ם באַליבט, געאַכטעט און געשעצט געוואָ־רען ביי זיי.

די רבנים און גרויסע לייט פון תימן האָבען אויס דאַנקבאַרקייט באַ־שטימט צו דערמאָנען זיין נאָמען אין דער תפילה פון קדיש אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען. זיי האָבען אזוי געזאָגט דעם קדיש: „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בר מימון".

די רבנים און די גרויסע חכמים פון ישראל וועלכע זיינען געווען אין פארשידענע לענדער, האָבען אנערקענט די גרויסקייט פון רמב"ם, און זיינע קלוגע, לאָגישע ענטפערס צו די פארשיעדענע שאלות, האָבען זיי זיך גע־נומען צונויפשרייבען מיט איהם און פון איהם פארלאַנגט ער זאָל ערקלע־רען די פיעלע הארבע זאַכען פון דער תורה און פון תלמוד, וואָס זיי איז געווען שווער צו פארשטעהן. און דער רמב"ם, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז געווען אזוי פארנומען, האָט ער יעדען באַזונדער געענטפערט. ער האָט אַליין מיט זיין האַנט געשריבען די ענטפערס, כאָטש זיי זיינען געווען זעהר פיעל אין צאָהל.

## קאַפּיטעל זעכצעהן

אין דריי מאָנאַטען אַרום, נאָכדעם ווי דער אַראַבישער דיכטער אל ערב, אָדער ווי ער איז באַוואוסט געווען אונטער דעם נאָמען אבול ערב איבן מושע, האָט אַוועקגעשיקט דעם בריעף צו זיין פריינד סאַיד'ן אין פעז, ער זאָל קומען עדות זאָגען געגען רמב"ם אז ער איז אַמאָל, זייענדיג אין פעז, פארעכענט געווען פאַר אַ מאַכמעדאַנער, איז סאַיד אָנגעקומען אין מצרים. ער איז גלייך באַגעגענט געוואָרען ביי אל ערב, וועלכער האָט איהם געבראַכט אין דעם הויז פון דעם דאָקטאָר אבולאַפיא.

דאָרטען האָט מען איהם שוין ערקלערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

אל ערב, מיט דער הילף פון די דאָקטוירים, וועלכע זיינען געווען די פאַר־ביטערסטע שונאים פון רמב"ם, האָט איבערצייגט סאַיד'ן אַז ווען ער וועט העלפען אומברייינגען דעם רמב"ם וועט ער דאַמיט באַגעהן אַ נאָבעלע טהאַט פאַר אַלע מאַכמעדאַנער.

— פאַרשטעהסטו מיך, מיין פריינד — האָט אל ערב זיך צו איהם אָפּגערופען — דער רמב"ם זוכט צו פאַרקנעכטען אַלע מאַכמעדאַנער, אויב מיר וועלען איהם לאָזען אָנגעהן אונגעשטערט, וועט ער נאָך פאַרוואַנדלען אַלע אַראַבער אין אידען. שוין אין דער יעצטיגער צייט, קוקען אויף איהם פיעלע פון אונזערע ברידער ווי אויף אַ היילינען. און אַזוי ווי אין מצרים האָבען די אידען אַלע פרייהייטען, קען נאָך קומען דערצו, אַז זייער אמונה זאָל מיט דער צייט ווערען די הערשענדע אין לאַנד, און דעריבער איז עס אונזער ביידענס פליכט אַרויסצוטרעטען די מאַכמעדאַנער פון די אידישע הענט.

— מיר האָבען אַ גוטען און זיכערען מיטעל: אמת, אין מצרים איז יעדער פריי צו דינען צו זיין גאָט, אָבער עס געפינט זיך אויך דאָ אַ געזעץ, אַז אויב אימיצער האָט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע אמונה און נאַכהער חרטה געהאַט, דאַרף דערפאַר באַקומען טויט שטראָף. און אַזוי ווי מיר ביידע ווייסען אַז אין פעז האָט זיך דער רמב"ם אויפגעפיהרט ווי אַ מאַכמע־דאַנער, און יעצט איז ער אַ איד, קומט איהם לויט דיזען געזעץ, טויט שטראָף. בפרט ווען ער איז שוין געווען פאַר'משפּט אין פעז אויף דער קלאַגע און איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען.

— אָבער ווי איך האָב געהערט איז דער קאַליף סאַלאַדין זיין בעסטער פריינד, וועט ער דען דערלאָזען אַז מען זאָל דעם רמב"ם פאַר'משפּט'ן צום טויט? — האָט סאַיד געפרעגט.

— געגען אַזאַ געזעץ איז אַפילו דער קאַליף הילפלאָז! — האָט דער דאָקטאָר אבולאַפיא איהם געענטפערט — אויב די ריכטער וועלען איהם געפינען שולדיג, וועט סאַלאַדין מוזען לאָזען דורכפיהרען דעם אורטייל. דיזער געזעץ ווערט אָפּגעהיט אין מצרים מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, ווייל ווען ניט אַזאַ געזעץ, וואָלט מצרים פאַרפלייצט געוואָרען מיט אידען און קריסטען, וועלכע האָבען דורך פאַרשיעדענע סיבות אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, און זיי וואָלטען זיך דאָ, אונטער דעם שוץ פון דער פרייהייט וואָס הערשט אין מצרים אומגעקעהרט צו זייערע פריהערדיגע אמונות. — אַלעס וואָס דו דאַרפסט טהאָן, אונזער פריינד סאַיד, איז צו באַשטעטיגען די רייד פון אל ערב, אַז דער רמב"ם האָט אַמאָל אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, און דאָס וועט זיין גענוג, ווייל האָבענדיג צוויי עדות, וועלען די שופטים קיין אַנדער ברירה ניט האָבען ווי אַרויס־צוטראָגען אַן אורטייל פון טויט־שטראָף פאַר דעם רמב"ם.

אין איינינע טעג אַרום האָבען די דאָקטוירים, אל ערב און סאַיד אויס־געאַרבייט דעם באַשולדיגונגס אַקט געגען רמב"ם, און אל ערב און סאַיד האָבען די באַשולדיגונג געגען רמב"ם פאָרגעבראַכט פאַר די שופטים.

ווען דער קאַליף סאַלאַדין האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אויפ־געציטערט געוואָרען פון אויפרעגונג. ער האָט זיך גלייך געוואָלט אַריינ־

מישען מבטל צו מאכען דעם משפט, אָבער זיינע מיניסטאָרען און ראטהגעבער האָבען איהם פון דעם אָפּגערעדט.

— דאָס געזעץ פון לאַנד טאָר קיינער ניט ברעכען— האָבען זיי צו איהם געזאָגט, און ווען דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסען, אַז דער קאַליף האָט געבראָכען דעם געזעץ צוליעב זיינעם אַ פריינד, וועט עס אַרויסרופען גרויס פאַרביטערטקייט ביי אַלעמען און די געזעצען פון לאַנד וועלען מיהר ניט אָפּגעהיט ווערען.

דער קאַליף האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אַרויסצוגעבען אַ באַפעהל צו לאָזען אַרעסטירען דעם רמב"ם.

איידער ער האָט דעם באַפעהל אַרויסגעגעבען האָט ער זיך באַראַטען מיט זיין גרויס וויזיר אַלפאַדעל, וועלכער איז גלייך געקומען צום קאַליף.

— איך האָב פאַרשטאַנען אַז די שונאים פון רמב"ם וועלען ניט רוהען, ביז וואַנען זיי וועט געלינגען צו פאַרביטערען דעם לעבען פון רמב"ם — האָט אַלפאַדעל זיך אָפּגערופען צום קאַליף — איך האָב שוין לאַנג געהערט וועגען אַ פאַרשווערונג וואָס זיינען שונאים האָבען געגען איהם געפּלאַנעוועט, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז עס זאָל זיין אַזוי ערנסט.

— גלויבסטו אַז ער איז ווירקליך שולדיג אין אַזאַ פאַרברעכען? — האָט דער קאַליף איהם געפרעגט.

אפילו ווען דער רמב"ם זאָל האָבען ווען עס איז אָנגענומען די מאַכמע־דאַנישע רעליגיע, האָט ער דאָס געוויס געטהאָן דורך צוואַנג און עס איז ניט קיין פאַרברעכען, ווען ער הט זיך דערפון אָפּגעטרייסעלט, אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געפיהלט פריי דאָס צו טהאָן — האָט אַלפאַדעל געזאָגטט. אָבער איך בין זיכער, אַז די גאַנצע באַשולדיגונג־ געגען איהם איז גרונדלאָז. עס איז איינפאַך אַ בלבול אויף איהם. דער רמב"ם האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע.

— פון וואַנען ביזטו עס אַזוי זיכער? — האָט סאַלאַדין איהם געפרעגט.

— מיין סעקרעטאַר אלמועלי וועלכער איז דעם רמב"ם'ס שוואָגער האָט מיר ניט איינמאָל דערצעהלט מיט אַלע איינצעלהייטען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם רמב"ם, און דערפון דרינג איך, אַז זיינע שונאים ווילען מאַכען אַ בילבול אויף איהם.

— איידער דאָס וועט קענען באַוויזען ווערען, וועט מיין טייערער פריינד, דער רמב"ם אַרעסטירט ווערען און וועט דאַרפען דורכמאַכען אַ משפט, און ווער ווייס וואָס פאַר אַן אורטייל די שופטים וועלען געגען איהם אַרויסברענגען, ווייל דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אויב דער אורטייל זאָל זיין טויט שטראָף, וועל איך זיין מאַכטלאָז עפּעס צו טהאָן פאַר איהם. דער איינפאַכער המון וועט ניט וועלען וויסען פון קיין זאַך. אין זייערע אויגען וועט ער אויסקוקען ווי אַ לעסטערער פון אַללאַה און זיין נביא מאַכמעד און וועלען פאָדערען זיין בלוט.

— איך בעט דיר, גנעדיגער קאַליף, — האָט אַלפאַדעל זיך אָפּגערופען — איך וויל אַז דו זאָלסט מיר ערלויבען צו ווערען דעם רמב"ם'ס פאַרטיי־דיגער. יע, איך און אלמאַעלי וועלען צוזאַמען איהם פאַרטיידיגען.

— איך וועל זיך שעצען גליקליך אויב דיר און דיין סעקרעטאר וועט געלינגען צו איבערצייגען די שופטים אז דער רמב״ם איז אומשולדיג. איך גען ארום א צעטראגענער, און אומרוהיגער. איך האב שטענדיג געוואוסט אז דער נאבעלער געלערנטער רמב״ם האט פיעלע שונאים. דאס זיינען איינגהארציגע, פארדארבענע מענשען, וועלכע זיינען מקנא יעדען איינעם וועלכער איז מעהר ערפאלגרייך פון זיי. אבער איך האב געמיינט אז איך וועל איהם, מיין געטרייען פריינד, אלע מאל קענען באשיצען געגען אזוינע שונאים, אבער אויף דעם האב איך זיך ניט גערעכט. איך פיהל זיך יעצט אזוי הילפלאז ווי דער רמב״ם אליין. איך זעה אז מען וויל באגעהן אן עולה געגען רמב״ם. אפילו ווען די באשולדיגונג וואלט געווען א ריכטיגע דארף ער אויך צוליעב דעם קיין שטראף ניט באקומען, ווייל, ערשטענס, זיינען שוין אוועק אזוי פיעל יאהרען, און צווייטענס, איז דער פארברעכען באגאנגען געווארען אין אן אנדער לאנד, און ווער ווייס אונטער וועלכע אומשטענדען.

— יע, דאס געזעץ וויל גארניט אנערקענען! — האט דער וויזיר זיך אפגערופען — אבער איך בין זיכער אז דער רמב״ם איז אין גאנצען אומשולדיג, און אזוי ווי איך האב קיינמאל ניט געביטען מיין רעליגיע, אזוי האט דער רמב״ם קיינמאל ניט אנגענומען דעם מאהמעדאנישען גלויבען, און ער האט קיין פארברעכען ניט באגאנגען. איך האף אז איך און אלמאעלי וועלען קענען איבערצייגען די שופטים אין זיין אומשולד, סיידען ער וועט ניט קריגען קיין גערעכטען משפט.

— איך וועל שוין זעהן, אז ער זאל קריגען א גערעכטען משפט! — האט דער קאליף מיט אויפרעגונג געזאגט, — איך וועל ווארענען די עדות אזוי גוט ווי די שופטים, אז אויב איך וועל אויסגעפינען אז פאלשקייט און אומרעכט זיינען באגאנגען געווארען אויף דעם משפט, וועל איך אלע שולדיגע שווער באשטראפען.

— ווען וועט דער משפט פארקומען? — האט אלפאדעל געפרעגט.

— אזוי שנעל ווי מעגליך. איך וועל ניט דערלאזען אז ער זאל זיין ארעסטירט צו לאנג.

— מען וועט איהם ארעסטירען? — האט אלפאדעל אויסגערופען.

— ווי שווער עס איז פאר מיר צו טהאן אזא זאך, איז דאך אבער דער געזעץ אזוי, אז יעדער איינער וואס ווערט באשולדיגט אין באגעהן א פארברעכען מוז איינגעשפארט ווערען אין געפענגעניש און דארף דארט געהאלטען ווערען אזוי לאנג ווי זיין אומשולד קען באוויזען ווערען.

— איך קען זיך פארשטעלען וואס פאר א שרעקליכען איינדרוק דאס וועט אויף דער גאנצער משפחה פון רמב״ם מאכען.

— איך קען אבער גארניט טהאן. איך האב געמוזט דעם באפעהל איהם צו ארעסטירען אונטערשרייבען, און איך וועל באלד דארפען איבערגעבען דעם באפעהל צו מיינע באאמטע, וועלכע וועלען מוזען דורכפיהרען די זעהר ניט אנגענעהמע אויפגאבע צו ארעסטירען דעם רמב״ם.

— איך האף אז ער וועט לאנג ניט דארפען זיין ארעסטירט! — האט אלפאדעל געזאגט.

— די הויפּט זאַך איז אַז ער זאָל געפונען ווערן אומשולדיג! — האָט דער קאַליף געזאָגט — דאַן וועל איך איהם אַלץ ערקלערען. ער וועט איינזעהן אַז איך האָב אַנדערש ניט געקענט האַנדלען.

— וואָס מיר פּאַרדריסט איז, אַז דער דיכטער אַל ערב זאָל זיך אַזוי שנעל לאָזען פאַרפיהרען פון דעם רמב"ם'ס שונאים און באאיינפלוסט ווערען פון זיי. ער האָט אַזוי ניט באַדאַרפט האַנדלען. ווען איך האָב זיך דערוווסט אַז דער באַוואוסטער אַראַבישער דיכטער איז געקומען אַלס גאַסט צו אונז אין קאירא, האָב איך איהם געוואָלט געבען זעהר אַ שעהנע אויפנאַהמע, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ וויכטיגען גאַסט ווי ער איז. אבער אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען אַז ער איז באַפריינדעט געוואָרען מיט דעם רמב"ם'ס שונאים, איז ער אַ סך געפאַלען אין מיינע אויגען. און בפרט נאָך יעצט, ווען ער האָט צוזאַמען מיט זיי געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען רמב"ם'ס לעבען.

---

אין אָוועגד, ווען דער רמב"ם איז געקומען אַהיים נאָך אַ שווערען טאָג ארבייט, האָט ער פאַרבראַכט צוזאַמען מיט זיין משפחה. נאָכ'ן אָוועגדברויט האָט ער גענומען זיין קליינעם זוהן אברהם אויף זיינע הענט און זיך מיט איהם געשפּיעלט. זיין פרוי שרה האָט גענומען דערצעהלען די וואונדער פון דעם עופה'לע, אַז ער פאַרשטעהט שוין פיעלע זאַכען, אַז ער האָט שוין אָנגעפאַנגען צו שמייכלען און נאָך פאַרשידענע וואונדער פון זייער באַליבטען קינד.

אַרום טיש זיינען אויך געזעסען רות, איהר פאָטער, איהר טאָכטער נעמי און יוסף אבן עקנין.

זיי האָבען אַלע געמיטליך פאַרבראַכט. שרה האָט עפּעס אין דער שטיל איינגערוימט דעם רמב"ם אין אויער. רות האָט עס באַמערקט און זי האָט פאַרשטאַנען וואָס שרה האָט איהם געזאָגט, און איהר פּנים איז באַדעקט געוואָרען מיט אַ רויטקייט...

יוסף אבן עקנין איז געווען פאַרנומען אין געשפּרעך מיט דער קלוגער נעמי און ער האָט קיין זאַך ניט באַמערקט.

דער רמב"ם האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף יוסף אבן עקנין, זיין געטרייסטען תלמיד און פריינד און ער האָט מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען צו שרה'ן, אַזוי אַז אַלע זאָלען הערען:

— יע, דו ביזט גערעכט, שרה, איך וועל יעצט מיט איידען רעדען, אָבער פריהער וועל איך ריידען מיט יוסף'ן. קום צו נעהענטער צו מיר, יוסף, איך וויל מיט דיר ריידען וועגען אַ וויכטיגען ענין.

יוסף אבן עקנין האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צום רמב"ם.

— זעץ זיך דאָ נעבען מיר — האָט דער רמב"ם איהם אָנגעוויזען אויף דעם שטוהל וואָס איז געשטאַנען נעבען זיין לינקער האַנט.

יוסף האָט זיך געזעצט. רות'ס האַרץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען. דאָס בלוט האָט איהר אין פּנים אַ זעץ געטהאָן. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס דער נאָבעלער רמב"ם וועט ריידען מיט יוסף'ן. זינט ער

איז געקומען אין רמב"ם'ס הויז, אפילו דאן ווען ער האט זיך אנגעגעבן אלס טויב שטומער און קיינער האט ניט געוואוסט ווער ער איז, האט זי שוין אין איהר הארצען געהאט א ווארימע פריינדשאפט צו איהם. מיט יעדען טאג איז ער איהר געווארען איינגעבאקען אין הארצען, ווי ער וואלט געווען איהר לייבליכער ברודער. און ווען זי האט אויסגעפונען אז ער איז דער באוואוסטער יוסף אבן עקנין, ווענגען וועמען דער רמב"ם האט פיעל מאל גערעדט און געלויבט זיין ווערק וואס דער שמש האט איהם געבראכט, דאן איז איהר פריינדשאפט צו איהם פארוואנדעלט געווארען אין א פלאם פייערדיגע ליעבע. געוועהנליך, זי האט נאך אלץ געטרויערט נאך איהר באליעבטען מאן דוד, און זי האט געקעמפט מיט זיך. זי האט ניט געוואלט צולאזען צו זיך אזעלכע געפיהלען, אבער ווען שרה האט מיט איהר גערעדט ווענגען יוסף'ן, האט זי מעהר איהרע געפיהלען ניט געקענט באהערשען.

זי האט נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון יוסף'ן, און יעצט, זיצענדיג ביי דעם טיש און הערענדיג דעם רמב"ם'ס רייד צו יוסף'ן, האט זי געוואוסט אז באלד, באלד וועט איהר שיקזאל באשלאסען ווערען. איהר פנים איז רויט געווארען, איהרע אויגען האט זי געהאלטען ארונטערגעלאזען. רות האט זיך נאך מעהר פארלארען, ווען איהר טעכטעריל נעמי האט זי געפרעגט:

— מאמע, פארוואס איז דיין פנים אזוי רויט? פארוואס האלסטו דיינע אויגען ארונטערגעלאזען, ווי דו וואלסט זיך געשעהמט פאר עפעס?

רות האט איהר גארניט געענטפערט. זי האט ארומגענומען נעמין, זי געדריקט צו זיך און געקושט, יעדעס גליעד פון איהר קערפער, האט געציטערט און געברויזט. אט הערט זי ווי דער רמב"ם רעדט צו יוסף'ן:

— איך האב זיך שוין לאנג געקליבען מיט דיר צו ריידען, מיין טייע־רער תלמיד — האט דער רמב"ם זיך צו איהם אפגערופען — און פיליכט דארף איך דיך רופען רבי, ווייל אויך פון דיר האב איך עטוואס געלערנט.

— אה, ניין, ווירדיגער רבי! — האט יוסף געזאגט — דאס וואס איך האב דיר אויפמערקזאם געמאכט, האב איך דאס אויך געלערנט אין דיינע ספרים.

— דו דארפסט אבער וויסען, אז דו ביזט פאררעכענט צו מיר ווי מיין לייבליכער ברודער. איך האב געהאט א גרויסען פארלוסט, ווען מיין ברודער איז דערטרונקען געווארען. איך האב שוין געמיינט אז איך וועל זיך קיינ־מאל ניט קענען טרייסטען אין מיין אומגליק, אבער די צייט איז א גוטער דאקטאר, זי פארהיילט אלע וואונדען. גאט האט דיך צו מיר אין צייט צוגעשיקט, איך זאל קענען דיינע שמערצען אריבערטראגען. אין מיין הארץ האסטו פארנומען דעם ליידיגען פלאץ וואס דער טויט פון מיין ברודער האט דארט איבערגעלאזט. יע, אין דער צייט ווען מיין הימעל איז פאר־וואלקענט געווארען, ווען די צרות האבען מיין לעבען פארביטערט, האט דיך גאט צוגעשיקט צו מיר. און אזוי ווי דו האסט אין מיין הארץ פארנומען דעם פלאץ פון מיין פארשטארבענעם ברודער דוד, אזוי האף איך, וועסטו אויספיהלען די פוסטקייט פון נאך א הארץ וואס דער טויט פון מיין ברודער האט איבערגעלאזען... איך וויל...

א פּלוצלינגער שטאַרקער קלאַפּען אין טיר האָט אונטערגעבראָכען דעם רמב"ם'ס רייד.

— ווער קען דאָס זיין ? — האָט דער רמב"ם זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איבערגעגעבען דאָס קינד צו שרה'ן.

— איך וועל די טיר עפענען ! — האָט זיך רות אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און איז געגאַנגען צו דער טיר און זי אויפגעעפענט.

איינינע באַאַמטע זיינען גלייך אריינגעגאַנגען איגווייניג און אויסגערופען :

— אין נאָמען פון דעם קאַליף סאַלאַדין זיינען מיר געקומען צו אַרעס־טירען דעם רמב"ם.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט שרה ניט מיט איהר קול אויסגערופען.

— מיר זיינען געקומען דורכפיהרען דעם קאַליף'ס באַפעהל ! — האָט איינער פון די באַאַמטע אויסגערופען און געצייגט דעם רמב"ם דעם גע־שריבענעם באַפעהל מיט סאַלאַדינ'ס זיגעל.

דער רמב"ם איז בלאַס געוואָרען. אויף דעם האָט ער זיך קיינמאָל ניט געריכט. דער קאַליף זאָל באַפעהלען איהם צו אַרעסטירען ? פאַר וואָס פאַר א זינד ?

ער האָט געוואוסט אַז עס איז איבעריג צו פרעגען די באַאַמטע, זיי קענען איהם אַלץ איינס ניט זאָגען ווענען וואָס עס האַנדעלט זיך.

שרה איז געוואָרען היסטעריש, אָבער דער רמב"ם האָט זי באַרוהיגט.

— עס איז געווים א מיספאַרשטענדניש, און באַלד וועט אַלעס קלאָר ווערען ! — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען.

— אָה, פאַרוואָס ? ווי אַזוי קען ער דאָס טהאָן צו דיר ! — האָט שרה ניט אויפגעהערט צו יאָמערען. איך בעט דיר, רות, נעהם דאָס קינד פון מיר און איך וועל מיטגעהן צו זעהן פאַרוואָס מען אַרעסטירט מיין מאַן.

— איך בעט דיך, שרה, פאַרבלייב אין הויז. האָב קיין זאָרג ניט וועגען מיר.

— איך וועל מיטגעהן מיט דיר ! — האָט זיך יוסף אבן עקנין אָנגע־שלאָגען און גענומען מיטגעהן.

— דער קאַליף האָט אונז באַפוילען בלויז צו אַרעסטירען דעם רמב"ם — האָט א בעאַמטער זיך אָפּגערופען — און קיינער אויסער איהם וועט מיט אונז ניט מיטגעהן !

— איך בעט אייך האַלט זיך אַלע רוהיג ! — האָט דער רמב"ם זיך צו זיי אָפּגערופען — איך ווייס אַז איך האָב קיין פאַרברעכען ניט באַ־גאַנגען, און גאָט וועט מיך באַשיצען. איך קען דעם קאַליף צו גוט און איך ווייס זיין באַציהונג צו מיר אַז איך זאָל זיך באַאומרוהיגען. עס וועט לאַנג ניט נעהמען און אַלעס וועט קלאָהר ווערען. מיר טאָרען ניט פאַרגעסען די לאַנגע און וועלכער איך בין געווען זייענדיג אין פעז, דאָן האָט מיר גאָט געהאָלפען, און איך האָף אַז ער וועט מיר אויך יעצט העלפען.

שרה און רות האָבען אָבער ניט אויפגעהערט צו וויינען, ווען דער רמב"ם האָט מיט די בעאַמטע פאַרלאָזען זיין הויז. יוסף אבן עקנין האָט זיי געזוכט צו באַרוהיגען.

— איך מוז גלייך אריבערלויפען צו מיין ברודער! — האָט שרה זיך אָפּגערופען — אלמאעלי וועט זיך גלייך דורכריידען מיט'ן וויזיר אלפאדעל, און ער וועט זיך משתדל זיין פאר'ן קאליף מען זאָל איהם באפרייען.

— איך גלויב אז עס וועט זיין בעסער אז איך וועל יעצט אריבערגעהן צו אלמאעלין — האָט יוסף געזאָגט — איידער מיר ווייסען אין וואָס זיינע שונאים באשולדיגען איהם, איז ראטהזאַם אז דו זאָלסט זיך יעצט ניט ווייזען אין דיין ברודער'ס הויז.

— אָה, איך בעט דיך, געה אריבער וואָס שנעלער! — האָט שרה וויינענדיג געזאָגט — אָה, ווי מיין הארץ שרעקט מיר אזוי.

— איך בין זיכער אז אלעס וועט זיך אויסלאָזען צום גוטען! — האָט יוסף געזאָגט — אָט וועל איך גלייך אריבערגעהן צו דיין ברודער. עס איז גאנץ מעגליך אז ער וויים שוין אין וואָס מען באשולדיגט איהם.

יוסף האָט גלייך פארלאָזען דאָס הויז און איז מיט שנעלע טריט אוועק צו אלמאעלי'ן. ער האָט אלמאעלין אין הויז ניט געטראָפען. שפרה האָט ווייזט אויס נאָך ניט געוואוסט וואָס עס האָט פאסירט, ווייל זי האָט זיך געוואונדערט פאדוואָס יוסף אבן עקנין איז פלוצלינג געקומען צו זיי.

— האָט עפּעס פאסירט? — האָט שפרה געפרעגט יוסף'ן.

— פריעדען איז צו אלעמען! — האָט ער געענטפערט, ניט וועלענדיג איהר דערשרעקען — ווען וועט זיך דיין מאַן אומקעהרען.

— אויב עס איז זעהר דרינגענד, קענסטו איהם זעהן אין דעם וויזיר'ס פאלאץ! — האָט שפרה געזאָגט — דו ווייסט דאָך אז דער וויזיר וועט ניט זיין דאגענען אז דו זאָלסט מיט איהם פארבריינגען. אויב מיין מאַן איז יעצט פארנומען, וועט ער דיר הייסען צואווארטען.

יוסף איז אוועק צום וויזיר'ס פאלאץ, און ווען ער האָט געזאָגט אז ער וויל זיך זעהען מיט אלמאעלין האָט מען איהם גלייך צוגעלאָזען.

— וואָס איז שוין געשעהען? — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען צו יוסף'ן. — יע, מען האָט איהם נאָרוואָס ארעסטירט. זאָגט מיר, איך בעט דיך אלמאעלי, וואָס איז דאָ פארגעקומען.

— א בלבול! דעם רמב"ם'ס שונאים הבען שוין לאַנג געזוכט אזא געלעגענהייט און דער דיכטער אל ערב האָט זיי די געלעגענהייט געגעבען. ער באשולדיגט דעם רמב"ם אז זייענדיג אין פעז, האָט כלומרשט אָנגענו־מען די מאכמעדאַנישע רעליגיע און דערנאָך צוריק געוואָרען א איד!

— ווי אזוי קען ער מאכען אזא שענדליכען בלבול אויף איהם! — האָט יוסף אבן עקנין מיט אַן איפגערעגטע שטימע געזאָגט.

— ער האָט אראָפּגעבראכט פון פעץ נאָך אַן ערות, מיט'ן נאָמען סאיד און יענער האָט באשטעטיגט זיינע רייד — האָט אלמאעלי געזאָגט. מיט דער הילף פון די דאָקטוירים, דעם רמב"ם'ס שונאים, האָט ער די באשול־דיגונג געגען איהם אזוי שטארק געמאכט, אז אפילו דער קאליף אליין און דער וויזיר, זיינען הילפלאָז. דער קאליף איז געצוואונגען געווען ארויסצו־געבען א באפעהל איהם צו ארעסטירען, אָבער מיר טאָרען ניט זיין פאר־צווייפעלט אזוי לאַנג ווי מיר ווייסען אזא סאלאדין און אלפאדעל וועלען זוכען געוועכטיגקייט. דער קאליף האָט באשטימט אלפאדעל'ן און מיר צו

פיהרען די פאַרטיידיגונג. און מיר ביידע האָבען שוין אויסגעאַרבייט אַלע פּלענער, און איך האָף אַז אל ערב וועט אַריינפאַלען אין זיין אייגענער נעץ, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט פאַר'ן רמב"ם.

— איך קען ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס אל ערב זאָל פלוצלונג ווערען זיין שונא! — האָט יוסף געזאָגט — איך געדענק אַז ווען ער איז געקומען צו באַזוכען דעם רמב"ם, האָב איך מיט איהם אַ ווײַלע פאַרבראַכט און ער האָט מיר פיעלע זאַכען דערצעהלט. ער האָט מיר דערצעהלט וואָס פאַר אַ שטאַרקע פריינדשאַפט עס איז געווען צווישען איהם און דעם רמב"ם, און פלוצלונג אָהן קיין אורזאַכע איז ער אין זיין גרעסטען שונא פאַרוואַנד־דעלט געוואָרען.

— איך ווייס די אורזאַכע פון זיין שנאה, דערפאַר האָף איך וועל איך קענען באַווייזען פאַר די שופטים אַז ער זוכט צו מאַכען אַ בלבול אויף איהם. איך האָב דעם וויזיר אַלעס דערצעהלט און ער וועט איהם, בעת דעם משפט, שטעלען אַזעלכע פראַגען, אַז ער וועט שוין חרטה האָבען אויף דעם וואָס ער האָט געמאַכט דעם בלבול. דערווייל, יוסף, געה אַהיים און זעה צו באַרוהיגען מיין שוועסטער, שרה. זאָג איהר אַז דער קאַליף און דער וויזיר זיינען מיט'ן רמב"ם און זיין אומשולד וועט באַוויזען ווערען. ווען זי וועט אויסגעפינען אַז אל ערב איז אין דעם פאַרמישט, וועט זי שוין אַלעס פאַרשטעהן.

— און ווען וועט פאָרקומען דער משפט?

— אַזוי שנעל ווי מעגליך. דער קאַליף אַליין וועט זעהען צואיילען. ער וויל ניט אַז דער רמב"ם זאָל דאַרפען זיצען אין געפענגענים אַן איבע־ריגען טאָג — האָט אַלמאַעלי געזאָגט.

— און וואָס זאָלען מיר דערווייל טהאָן? — האָט יוסף געפרעגט. שרה וועט געוויס וועלען געהן אין געפענגענים זיך זעהען מיט איהם!

— זאָג איהר אין מיין נאָמען, זי זאָל עס ניט טהאָן, זי וועט איהם דאַמיט גאָרניט קענען העלפען. זי קען נאָך טהאָן מעהר שאַדען. עס איז אַ גוטע זאַך וואָס זי איז צו מיר יעצט ניט געקומען, ווייל ווען מען וואָלט איהר געזעהען אין דעם וויזיר'ס פּאַלאַץ, וואָלט עס געמאַכט פאַר דעם וויזיר און מיר אַ סך שווערער איהם צו פאַרטיידיגען. זאָג איהר אָן, אַז זי זאָל קיין שריט ניט מאַכען אָהן מיין וויסען. די בעסטע זאַך וואָלט געווען זי זאָל האָבען געדולד און וואַרטען ביז נאָך דעם משפט. דער קאַליף וועט שוין זעהן אַז גערעכטיגקייט וועט צו איהם געטהאָן ווערען. ווי איך האָב געהערט פון וויזיר, וועט דער משפט פאָרקומען אין קאַליפ'ס פּאַלאַץ, און דאַן קענען מיר ערוואַרטען אַז דער בלבול וועט צופּלאַצט ווערען ווי אַ זייפען בלאָז.

יוסף אבן עקנין האָט זיך גלייך צוריקגעקעהרט אַהיים. ער האָט אַלע־מען געטראָפען וויינענדיג.

— וואָס האָסטו אויסגעפונען? — האָט שרה איהם געפרעגט און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק און ציטער.

— איך האָב זיך מיט דיין ברודער געזעהען. ער האָט מיר געהייסען דיר איבערגעבען דו זאָלסט זיך האַלטען רוהיג, דו האָסט זיך ניט וואָס צו

שרעקען. דער קאליף האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי ארויסצוגעבען דעם באפעהל איהם צו ארעסטירען. אבער די פריינדשאפט פון סאלאדינ'ען צו דיין מאן איז ניט קלענער געווארען. ער איז אליין אויך איבערצייגט אז דאס איז א בלבול וואס זיינע שונאים האבען אויף איהם אויסגעטראכט.

— וואס האבען זיי צו איהם ? — האט שרה וויינענדיג געזאגט — וועמען האט ער שלעכטעס געטהאן. ער טהוט דאך אלעמען טובות. ארים און רייך, אלע זיינען ביי איהם גלייך. ער קורירט אלע ארימע אומזיסט, און וויפיעל מאל פאסירט אז ווען מען רופט איהם צו אן ארימען קראנקען און ווען ער זעהט די גרויסע נויט און ארימקייט וואס הערשט אין דעם קראנ־קענ'ס הויז, גיט ער זיי א סומע געלט צו פארגרינגערען זייערע ליידען!.. וויפיעל מאל פאסירט, אז ער קומט אין הויז ביינאכט זעהר א מיעדער, נאך א טאג שווערע ארבייט און ער לייגט זיך אפרוהען, רופט מען איהם אוועק צו א קראנקען, און ער פלעגט אוועקגעהן, און גאנץ אפט פארבלייבען א גאנצע נאכט מיט'ן חולה. האט ער דען וועמען עס איז ענטזאגט. האט ער דען געמאכט אן אונערשיעד צווישען איד און ניט קיין איד. פארוואס קומט איהם ער זאל האבען אזעלכע פארביסענע שונאים, וועלכע זאלען איהם וועלען אומברייננגען ? !..

— אל ערב איז אין דעם פארמישט ! — האט יוסף זיך אפגערופען.

— אל ערב ! — האט שרה מיט שרעק אויסגערופען. — ער וויל איהם אומברייננגען.

— יע, ער איז אוועק צו די שופטים און זיי געזאגט, אז דער רמב"ם האט אמאל, זייענדיג אין פעז אנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלויבען!

— אה, דער אומווירדיגער ליגנער! ער וויל אויף איהם א בלבול מאכען, ווייל...

— דער וויזיר וויים פון אלעס און ער צוזאמען מיט דיין ברודער וועלען איהם פארטיידיגען בעת דעם משפט.

— איך האב אבער פארשטאנען אז קיין גוטעס וועט אונז ניט ארויס־קומען נאך דעם ווי אל ערב האט אונז באזוכט אין הויז. איך האב בא־מערקט ווי זיינע אויגען האבען געברענט פון צארן. ווען ער האט אויסגע־פונען אז איך בין דעם רמב"ם'ס פרוי... פארשטעהסטו מיך, נאך זייענדיג אין קארדאווא... אלס קינד, האט ער שוין געזוכט מיין פראנדשאפט..

— אלמאעלי האט מיר פארזיכערט אז מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען, און אז אל ערב וועט ארייןפאלען אין דעם נעץ וואס ער האט אליין געמאכט פאר'ן רמב"ם — האט יוסף געזאגט. — דיין ברודער האט אויך אנגעזאגט אז דו זאלסט בלייבען זיצען אין דער היים, דו זאלסט קיין פארזוך ניט מאכען זיך צו זעהען מיט דעם רמב"ם פאר דעם משפט, ווייל דאס קאן איהם א סך שאדען טהאן.

---

גרויס פרייד האט געהערשט צווישען די דאקטורים, דעם רמב"ם'ס שונאים, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דער קאליף האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו ארעסטירען דעם רמב"ם. אבולאפיא און אל ערב האבען שוין

אַרומגעשפּאַצירט ניט ווייט פון געפענגענים. זיי האָבען מיט זייערע אויגען געוואָלט זעהען ווי אַזוי מען פיהרט דעם רמב"ם אין תפיסה. ווען זיי האָבען פון ווייטען דערזעהען איהם אָנקומענדיג אין דער באַגלייטונג פון די בעאַמטע, זיינען זיי איהם פאַרבייגעגאַנגען. זייערע הערצער זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט פרייד. זיי האָבען געגאַרט, אַז ער זאָל זיי דערזעהען, אָבער דער רמב"ם האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען. ער האָט געטראַכט פון דעם ווי אַזוי דאָס איז מעגליך, אַז דער קאַליף מיט וועמען ער ער האָט ערשט מיט אַ טאָג צוריק אַזוי פריינדליך פאַרבראַכט, זאָל פּלוצלונג איהם לאָזען אַרעסטירען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זיינע שונאים האָבען אויף איהם געמאַכט אַ בלבול, אָבער דער קאַליף קען דאָך איהם אַזוי גוט, פאַרוואָס האָט ער זיי געגלויבט? פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעל איהם צו אַרעסטירען, איידער ער האָט איהם אַליין ניט אויסגעפרעגט און גוט אויסגעפאָרשט און זיך איבערצייגט אויב די די באַשלודיגונג אין באַגרינדעט... אָבער אין וואָס באַשולדיגט מען איהם, דאָס האָט ער זיך אפילו ניט געקענט פאָרשטעלען. לויט ווי ער געדענקט האָט ער קיין זאַך ניט געטאָן, וואָס איז געגען די געזעצען פון לאַנד. איז דאָס מעגליך אַז זיין בריעף צו רבי יעקב בן נתנאל, זיין „איגרת תימן" איז אַריינגעפאַלען צום קאַליף אין די הענט, און דעריבער האָט ער איהם געלאָזט אַרעסטירען. דאָס איז אָבער אוממעגליך. ערשטענס, אין זיין „איגרת תימן" באַליידיגט ער ניט די מאַכּעמעדאַנישע רעליגיע, און צווייטענס, איז דער קאַליף געלערענט און איז ווייט צו זיין איינגהאַציג. ער פלעגט מיט איהם גאַנץ אָפט פריי דיסקוטירען וועגען רעליגיע, און דער קאַליף האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען אַז ער איז אומצופרידען מיט זיין מיינונג. פאַרקעהרט, ער פלעגט פיעל מאָל איהם געבען גערעכט. טו ווי אַזוי האָט פּאַסירט אַז סאַלאַדין זאָל זיך פּלוצלונג ענדערען. ער וואָלט שוין געוואָלט וויסען אין וואָס מען באַשולדיגט איהם.

ווען מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין תפיסה, האָט ער פּרובירט אַ פרעג טהאָן די וועכטער אויב זיי ווייסען אין וואָס מען באַשולדיגט איהם. קיינער אָבער האָט ניט געוואוסט.

— איין זאַך קען איך דיר זאָגען! — האָט איין וועכטער זיך אָפּגערופען צום רמב"ם, אַז אין דיעזער תפיסה ווערען געבראַכט אַזעלכע וועלכע ווערען באַשולדיגט אין אַ שווערען פאַרברעכען פאַרוואָס עס קומט טויט שטראָף.

דער רמב"ם האָט טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אויף זיינע געדאַנקען זיינען געקומען זיין ליעבע געטרייע פרוי שרה, זיין איין איינציגער זוהן אברהם, וועמען ער האָט אַזוי ליעב. ער האָט אויך געטראַכט פון זיינע אַנדערע קרובים און פריינד, און אַ שוידער איז דורך זיין קערפּער. איז דאָס מעגליך, אַז ער וועט זיי שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן?...

ווען מען האָט איהם איינגעשפּאַרט אין תפיסה, האָט דער רמב"ם מתפּלל געווען אַ תפילה צו גאָט אין וועלכער ער האָט אויסגעגאָסען זיין האַרץ און געבעטען אַז גאָט זאָל באַשיצען זיין פרוי און קינד, און אַלע אידען פון שלעכטעס.

## קאַפּיטעל זיבעצעהן

דער קאַליף האָט באַשטימט דעם משפּט אויף דעם דריטען טאָג׳ נאָכ־דעם ווי ער האָט געלאָזט דעם רמב"ם אַרעסטירען. ער האָט די שופטים צוגעאיילט. דער משפּט איז פאָרגעקומען אין א טהייל פון זיין פּאַלאַץ.

די שופטים זיינען געווען גרייט. זיי זיינען געזעסען אַרום א רונדען טיש. ניט ווייט פון זיי זיינען געזעסען די צוויי עדות,, די וועלכע האָבען דעם רמב"ם באַשולדיגט, אל־ערב און סאיד. אין צימער האָבען זיך אויך געפונען די דאָקטוירים, דעם רמב"ם׳ס שונאים וועלכע זיינען אמאָל געווען די הויז־דאָקטורים פון קאַליף.

דער גרויס וויזיר אַלפאַדעל איז אַריין אין געריכט׳ס צימער, אַלע אנ־וועזענדע האָבען זיך אויפגעשטעלט. נאָך איהם איז אַריינגעקומען אַלמאַלי, זיין סעקרעטאַר. זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פּלאַץ וואָס איז באַשטימט געוואָרען פאַר דער פאַרטיידיגונג.

ווען דער קאַליף איז אַריינגעקומען אין דער באַגלייטונג פון זיינע לייב־וועכטער, האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט און זיך פאַרנייגט ביז דעם באָדען.

דער קאַליף האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ. זיינע לייב־וועכטער זיי־נען מיט בלויזע שווערדען געשטאַנען נעבען איהם.

די שופטים האָבען געוואַרט אויפ׳ן קאַליפ׳ס באַפעהל, אַריינצופיהרען דעם אַרעסטירטען.

דער קאַליף האָט באַטראַכט אַלע אנוועזענדע אין צימער. ער האָט דערקענט זיינע פריהערדיגע רופאים. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַזוי זיי, זיינע שונאים האָבען פאַראורזאַכט דעם משפּט.

אַן אָנגעצויגענע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. אַלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט צום קאַליף. יעדער האָט מיט גרויס אומגע־דולד געוואַרט.

דער קאַליף האָט מיט א נידעריגע שטימע זיך אָפּגערופען:

— זאָל מען אַריינברענגען דעם אַרעסטירטען!

איינינע בעאַמטע זיינען אַרויס פון צימער און זיך באַלד צוריקגע־קעהרט מיט דעם רמב"ם, און איהם צוגעפיהרט צו דעם באַשולדיגונגס שטוהל אויף וואָס דער רמב"ם האָט זיך געזעצט. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי דערשלאָגען, אַז ער האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט.

דער משפּט האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער הויפּט ריכטער האָט זיך אויפ־געשטעלט פון זיין פּלאַץ און ער האָט פאָרגעלייענט דעם באַשולדי־גונג׳ס אַקט:

„דער רמב"ם, אָדער ווי ער איז באַוואוסט אַלס „רבנו משה בן מימון", וועלכער איז אַן איינוואוינער פון קאַירא, איז א איד. ער ווערט באַשולדיגט, און די באַשולדיגונג איז אונטערשטיצט דורך צוויי זעהר טרויענסווערטע עדות, אַז מיט יאָהרען צוריק, ווען דער רמב"ם האָט געוואוינט אין פעץ פון מאַראָקאָ, האָט ער צוליעב געוויסע אורזאַכען, צי ווייל ער איז געווען איבערצייגט, צי ער האָט געוואָלט פאַרבעסערען זיין לאַגע, וואָס די אור־

זאָל זאָל ניט זיין, באַשטעטיגען די עדות, אַז דער רמב"ם האָט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, און שפּעטער, האָט ער חרטה געקראָגען און איז צוריק געוואָרען אַ איד. ווען מען האָט זיך אין פעץ פון דעם דערוואוסט, האָט דער דאָרטיגער גובערנאַטאָר איהם געלאָזט אַרעסטירען פאַר דיזען פאַרברעכען און ער איז פאַר׳משפט געוואָרען צום טויט. אָבער דעם רמב"ם איז געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפען. און יעצט געפינט ער זיך שוין פיעלע יאָהרען אין מצרים. ער איז אַ איד און ער געניסט אַלע פּריוויליגיען אין דער צייט, ווען לויט די געזעצען פון אונזער לאַנד קומט איינעם, וועלכער איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכען, טויט־שטראָף.

ווען דער הויפּט פון די ריכטער האָט פאַרענדיגט לייענען דעם באַשולדיגונגס אַקט, האָט ער צענויפגעוויקעלט דעם פּאַרמעט און זיך אַ קעהר געטהאָן אין דער ריכטונג וואו דער רמב"ם איז געזעסען:

— ביזטו זיך מודה אין דיין שולד, אָדער דו ווילסט אָפּלייקענען די גאַנצע באַשולדיגונג? — האָט ער איהם געפרעגט.

דער רמב"ם האָט זיך אויפגעשטעלט. אַלע האָבען אָנגעשטרענגט אויג און אויער. זייערע בליקען זיינען געפאַלען אויף איהם. דער קאַליף אָבער האָט געהאַלטען זיינע אויגען אַרונטערגעלאָזען. זיין האַרץ האָט איהם וועה געטהאָן, ווען ער האָט אַ ווײלע צוריק געוואָרפען אַ בליק אויף זיין געטרייען דאָקטאָר, און געזעהן זיין בלאַסען, אומעטיגען פּנים.

— עס איז אַ ליגען. מיינע שונאים האָבען אויף מיר אַ בלבול געמאַכט! — האָט דער רמב"ם אויסגערופען און זיין שטימע האָט פון אויפרעגונג געציטערט. — איך האָב קיינמאָל ניט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, ניט איך און ניט קיינער פון מיין משפּחה. ווען איך בין דרייצעהן יאָהר אַלט געוואָרען, איז קאָרדאָוואַ אַריינגעפאַלען צו אַל מומען אין די הענט און ער האָט גלייך אַרויסגעגעבען אַ גזרה, אַז אַלע אידען זאָלען אָננעהמען זיין גלויבען, אָדער פאַרלאָזען דאָס לאַנד. האָבען מיר אויסגעקליבען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, ווייל מיר האָבען אפילו ניט געוואָלט בייטען די רעליגיע, אפילו לפּנים וועגען. און ווען מיר זיינען גיוועזן אין פעץ האָבען מיר אויך ניט אויפגעהערט צו דינען צו אונזער גאָט.

— און פאַרוואָס האָט מען דיר אַרעסטירט אין פעץ און פאַר׳משפט צום טויט? — האָט דער הויפּט ריכטער איהם געפרעגט — איז דען דאָס אַליין קיין באַווייז ניט, אַז דו האָסט דעם פאַרברעכען יע באַגאַנגען. ווילסטו דען אָפּלייקענען, אַז מען האָט דיך ווען עס איז אַרעסטירט אין פעץ?

— איך לייקען דאָס ניט! — האָט דער רמב"ם געענטפערט — דער גובערנאַטאָר האָט מיך געלאָזט אַרעסטירען, אָבער דאָס איז געווען צוליב דעם, ווייל ער הט זיך דערוואוסט אַז מיר זיינען אידען און מיר דינען צו דעם גאָט פון ישראל, ווייל אין פעץ און אין די אַנדערע לענדער וואָס זיינען אונטער דער הערשאַפט פון אל מומען, איז אַ פאַרברעכען צו זיין אַ איד. און פאַר דיזען פאַרברעכען האָט מען מיך פאַר׳משפט צום טויט, אָבער ניט ווייל זיי האָבען מיר חושד געווען, אַז איך בין געוואָרען אַ מאַכמעדאַנער, און דערנאָך חרטה געהאַט...

— מיר האָבען צוויי ייעדות וועלכע וועלען באַשטעטיגען די באַשולדי־

גוגנ געגנען דיר! — האָט דער ריכטער זיך אָפּגערופן און איהם געהייסען זיך צוריקזעצען אויף זיין פּלאַץ.

דער רמב"ם האָט זיך אויסגעגעצט און באַלד איז צוגעקומען אַל ערב.

— קענסטו דיזען מאַן? — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט צו אַל־ערב'ן, אָנצייגענדיג מיט זיין פינגער אויף דעם רמב"ם.

— יע, איך קען איהם! האָט אַל ערב געענטפערט — אין דער צייט ווען איך בין געווען אין פעז, בין איך געווען אַן אָפטער אריינגעהער צו איהם אין הויז.

— קענסטו מיט באַשטעטיגקייט זאָגען, אַז ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ מאַכמעדאַנער?

— יע, מיין האַר ריכטער! — האָט אַל ערב געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע, — ניט נאָר איך אַליין בין אין דעם זיכער, נאָר דער צווייטער עדות וועט אויך מיינע רייד באַשטעטיגען.

דער רמב"ם האָט אַ קוק געטהאָן אויף אַל ערב'ן און איז געבליבען זיצען אויף זיין פּלאַץ באַוועגלאָז.

— וויל דער פאַרטיידיגער פון דעם באַשולדיגטען עפּעס פרעגען דעם עדות? — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט אין דער ריכטונג, וואו דער גרויס וויזיר אַלפאַדעל און זיין סעקרעטאַר אַלמאַעלי זיינען געזעסען.

אַלמאַעלי האָט עפּעס אַריינגערוימט דעם וויזיר אין אויער און אַלפאַדעל האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— זאָל דער צווייטער עדות פריהער ריידען און דאַן וועלען מיר זעהן.

סאַיד איז צוגעקומען צו דעם טיש וואו די ריכטער זיינען געזעסען. ער איז געווען הויך און דיק. זיינע אויגען זיינען געווען קליין און האָבען אומרוהיג זיך באַוועגט, וואַרפענדיג זיינע בליקען, דאָ אין דער ריכטונג וואו דער קאַליף איז געזעסען, און דאָ, וואו דער וויזיר האָט זיך געפונען.

— קענסטו דיזען מאַן? — האָט דער הויפּט ריכטער געפרעגט אויך סאַיד'ן די זעלבע פראַגע.

— יע, איך קען איהם! — איך בין מיט איהם געווען באַפריינדעט די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין פעז, ביז וואַנען מען האָט איהם אַרעסטירט.

— ביזטו אויך זיכער אַז ער איז געווען אַ מאַכמעדאַנער?

— געוויס בין איך זיכער! ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין מאַכמעדאַנער, וואָלט איך זיין פריינדשאַפט ניט געזוכט, און ווירקליך אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען אַז ער ווערט באַשולדיגט אין אָפּהיטען אידישקייט, האָב איך שוין מעהר פון איהם ניט געוואָלט וויסען.

דער וויזיר האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו דעם ריכטער'ס טיש.

— קען איך שטעלען איינינע פראַגען די עדות? — האָט ער זיך אָפּגערופען.

— געוויס, גנעדיגער וויזיר! — האָט דער ריכטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— זאָג מיר, מיט וואָס ביזטו עס אַזוי זיכער, אַז זייענדיג אין פעז,

האָט דער רמב"ם אָנגענומען די מאכמעדאנישע אמונה?

ווידער האָט אין געריכט'ס צימער געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטילקייט.

דער רמב"ם האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין פריינד אלפאדעל, זיין פאר־טיידיגער, און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיינע בלאַסע ליפען. ער האָט אָנגעהויבען פיהלען, אַז ער איז ניט אזוי עלענד און פארלאָזען.

אל ערב'ס פּנים איז עטוואָס רויט געוואָרען. ער האָט אַ קליינע ווײלע אַ טראַכט געטהאָן און נאָכהער זיך אָפּגערופען:

— איך בין זיכער אין דעם, ווייל ווי איך האָב שוין ערקלעהרט, איך בין געוועזען אַן אָפטער באַזוכער אין זיין הויז.

— האָסטו ווען עס איז געזעהן דעם רמב"ם, ווען ער האָט מתפּלל גע־ווען צו מאַכמעד'ן?

— המ... ניין, איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אין דער צייט פון זיין תפלה.

— האָסטו איהם ווען עס איז געטראָפען אין אַ מאַכמעדאַנישען געבעט הויז?

— ניין, דאָס אויך ניט! אָבער דאָס איז פיליכט דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָהנט גאַנץ אָפּגעזונדערט, גאַנץ ווייט פון שטאָדט.

— האָסטו איהם פיליכט געזעהן ווי ער איז מתפּלל צו אללאה? — האָט דער וויזיר זיך געווענדעט צו סאיד'ן — זאָג מיר דעם אמת!

— דאָס געדענק איך ניט! — האָט סאיד גענומען שטאַמלען.

— דו ביזט דאָך אָבער געקומען עדות זאָגען געגען איהם. דו פאַר־לאַנגסט אַז דער רמב"ם זאָל פאַרמשפּט ווערען צום טויט. דאַרפסטו דאָך זיין זיכער, אַז דיין באַשולדיגונג איז באַגרינדעט.

— המ... איך גלויב ניט אַז איך האָב איהם ווען עס איז געטראָפען מתפּלל זיין צו אללאה, אָבער איך בין זיכער, אַז ער איז געווען אַ מאַכמעדאַנער.

— האָט ער צו אייך ווען עס איז געזאָגט אַז ער איז אַ מאַכמעדאַנער?

— האָט אלפאדעל זיך אָפּגערופען צוביידע עדות.

— ער האָט אונז ניט באַדאַרפט זאָגען. מיר האָבען גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז איז איינער פון אונז — האָט אל ערב געזאָגט.

— געוויס זיינען מיר געוועזען זיכער! — האָט סאיד צוגעגעבען.

— דו האָסט געמאַכט אַזאַ לאַנגע רייזע פון פעז ביז קאַירא, כדי צו זיין אַן עדות געגען רמב"ם? — האָט דער וויזיר איהם געפרעגט.

— אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען אַז דער רמב"ם געפינט זיך דאָ אלס איד, האָב איך באַשלאָסען, אַז עס איז מיין פליכט, אלס מאַכמע־דאַנער, צו קומען און דערצעהלען דעם אמת.

פון וואַנען האָסטו זיך דערוואוסט אַז דער רמב"ם געפינט זיך דאָ אין קאַירא?

— קענסטו פיליכט איבערגעבען דעם קורצען אינהאַלט פון אל ערב'ס בריוו וואָס ער האָט צו דיר געשיקט?

— ער האָט מיר געשריבען, אַז דער רמב"ם געפינט זיך אין קאַירא אלס איד און ער פאַרנעהמט אַ געהויבענעם פּלאַץ אין פּאַלאַץ, אין דער

צייט ווען ער איז אַמאָל געווען אַ מאַכמעדאַנער. ער האָט מיר געבעטען איך זאָל קומען עדות זאָגען געגען איהם און איך בין אהערגעקומען. פיעלע וואָכען האָט מיין רייזע געדויערט. אַ סך געלט האָב איך אויסגעגעבען, אָבער איך בין געווען צופרידען צו טהאָן מיין פליכט.

— ווייבאַלד, אַז דו האָסט קיין זאַך ניט באַמערקט אויף איהם, וואָס זאָל באַווייזען, אַז ער האָט צייטווייליג אָנגענומען אונזער אמונה, טו, ווי אַזוי קענסטו זיין אַן עדות געגען איהם?

— המ.. איך... ער... איך מיין, אַז כאָטש מיר האָבען קיינמאָל ניט גערעדט וועגען רעליגיע מיט'ן רמב"ם, און כאָטש איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן בעת ער האָט מתפלל געווען, בין איך דאָך געווען זיכער, אַז ער איז איינער פון אונז. אַ באַווייז איז, אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען, אַז דער רמב"ם איז באַשולדיגט אַז ער איז אַ איד, האָב איך זיך גלייך פון איהם אָפּגעטרייסעלט און גאָרניט געוואָלט האָבען צו טהאָן מיט איהם!

— זאָג מיר, אַל ערב! — האָט אלפארעל זיך ווייטער געווענדעט צו איהם, — איז דאָס ריכטיג אַז דו ביזט אַמאָל געווען פאַרליבט אין שרה'ן, וועלכע איז יעצט דעם רמב"ם'ס פרוי?

— המ... יע, ווען איך בין געווען אין קאָרדאָווא, האָב איך זי ליעב געהאַט, אָבער זי האָט זיך פון מיר דערווייטערט.

— איז דען דאָס ניט אַ פאַקט, אַז ווען דו ביזט אהער געקומען און אויסגעפונען אַז דער רמב"ם האָט חתונה געהאַט מיט שרה'ן, ביזטו געוואָרען שטאַרק צאָרנדיג אויף דעם רמב"ם! כאָטש פון אָנפאַנג, ביזטו צו איהם געקומען אַלס פריינד.

— איך גיעב צו, אַז איך בין זעהר איבערראַשט געוואָרען ווען איך האָב אויסגעפונען אַז שרה איז זיין פרוי — און זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז איך בין אין כעס געוואָרען אויפ'ן רמב"ם. אָבער, דאָס האָט ניט צו טהאָן מיט דעם. ווען איך האָב אויסגעפונען אַז אין דעם לאַנד איז אַ פאַרברעכען באַגאַנגען געוואָרען פון איינעם וועלכער איז אַמאָל געווען אַ מאַכמעדאַנער און נאָכהער צו ריק געוואָרען אַ איד, האָב איך עס געפונען פאַר מיין הייליגער פליכט, צו קומען און ברייגנען די באַשולדיגונג געגען איהם. איך וואָלט עס זיכער געטהאָן, אפילו ווען שרה וואָלט ניט געווען זיין פרוי.

— ווי איך פאַרשטעה. האַלסטו זיך אויף יעצט אין דעם הויז פון דעם דאָקטאָר אבולאפיא! — האָט דער וויזיר זיך צו איהם אָפּגערופען.

— יע, איך געפין זיך אין זיין הויז!

— האָט דיר דער דאָקטאָר אבולאפיא געבעטען דו זאָלסט געגען רמב"ם אריינברענגען אַזאַ קלאַגע.

— ווען מיר האָבען אָנגעפאַנגען צו ריידען און איך האָב איהם דער־צעהלט, אַז איך קען דעם רמב"ם נאָך פון פעז, ווען איז געווען אַ מאַכמע־דאַנער, האָט ער מיר געזאָגט וועגען דעם געזעץ וואָס הערשט אין מצרים, און איך האָב באַשלאָסען ארויסצוטרעטען אַלס עדות געגען איהם.

— יעצט פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מיר דערצעהלען אַלעס וואָס דו ווייסט פון רמב"ם, זינט דו האָסט זיך מיט איהם געטראָפען אין פעז ביז וואַנען ער איז אַנטלאָפען געוואָרען פון דאָרטען.

— איך האָב ניט פיעל צו דערצעהלען. איך ווייס בלויז אז איך פלעג צו איהם אריינקומען אין הויז גאַנץ אָפט און מיט איהם פארברייננגען, און איך האָב איהם די גאַנצע צייט געהאַלטען אַלס מאַכמעדאנער.

— און ווען דו האָסט אויסגעפונען אז ער איז א איד, וואָס האָסטו דאַן געהאָן? — האָט דער וויזיר מיט א גאַנץ הויכע און דייטליכע שטימע זיך צו איהם אָפּגערופען.

— איך ווייס ניט!... וואָס האָב איך געקענט טהאָן!

— דיין פריינד, דער צווייטער עדות סאיד האָט פריהער געזאָגט, אז אזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעפונען אז דער רמב"ם איז א איד, האָט ער שוין מעהר פון איהם ניט געוואָלט וויסען, און מעהר מיט איהם ניט גע־האַט צו טהאָן. האָסטו אויך אזוי געהאַנדעלט ווי דיין פריינד?

— המ... איך פארשטעה ניט וואָס דער גנעדיגער וויזיר מיינט! — האָט אל ערב אַרויסגעשטאַמעלט.

— ווען דו ביזט געווען באפריינדעט מיט'ן רמב"ם ביזטו געווען זיכער אַז ער איז א מאַכמעדאנער, ניט אמת?

— יע, עס איז אמת!

— שפּעטער אָבער האָסטו אויסגעפונען אז ער איז א איד! זאָג מיר ווי אזוי האָסטו עס אויסגעפונען?

דער גובערנאַטאָר האָט איהם געלאָזט אַרעסטירען, און בעת'ן משפט, האָט דער רמב"ם ניט געלייקענט אז ער איז א איד!

— ביזטו דאַן געווען פארבונדען מיט דעם גובערנאַטאָר פון פעז?

— האָט אלפאַדעל איהם געפרעגט.

— זיין טאָכטער איז געווען פארקנס'ט צו מיר! — האָט אל ערב געענטפערט.

— און דאַן האָט איהם דער גובערנאַטאָר פאר'משפט צום טויט!

— יע, ער איז פאר'משפט געוואָרען צום טויט און איז איינגעשפּארט געוואָרען אין געפענגעניש, ביז וואַנען מען וועט דורכפיהרען דעם טויט אורטייל.

— יעצט זאָג מיר, ווי אזוי איז דאָס געווען מעגליך פאר'ן רמב"ם צו אנטלויפען פון געפענגעניס?

דאָס בלוט האָט א זעץ געטהאָן אל ערב'ן אין פּנים. ער איז געוואָרען צוטומעלט און האָט גענומען שטאַמלען... איך ווייס ניט!

— וועסטו פיליייכט אָפּלייקענען, אז דו האָסט איהם געהאָלפען אנט־לויפען פון געפענגענים? — האָט דער וויזיר מיט א שטרענגער שטימע אויסגערופען.

— המ... איך געדענק ניט! — האָט אל ערב'ס שטימע געציטערט.

— ווילסטו איינריידען די ריכטער און די אלע וועלכע געפינען זיך אין דעם געריכט'ס צימער אז דו געדענקסט ניט אזא וויכטיגע זאַך, אז דו האָסט געהאָלפען איהם אנטלויפען פון געפענגענים.

— יע, איך האָב זיך דערמאָהנט. איך און מיין כלה האָבען גע'פועל'ט ביי דעם גובערנאַטאָר, ער זאָל מיר ערלויבען צו באַפרייען דעם רמב"ם,

און ער האָט אונז נאָכגעגעבן, מיט דער באַדינגונג, אַז דער רמב"ם זאָל פאַרלאָזן פּעץ אײדער עס וועט ליכטיג ווערן.

— הייסט דאָס אַז דו האָסט געהאָלפן אײנעם, וועלכער איז באַגאַנגען אַזאַ שרעקליכן „פאַרברעכן", ווי אומצובייטען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע אויף זיין פריהערדיגער אידישע רעליגיע, צו פאַבּרייען איהם פון געפענגעניס.

— דאָס האָב איך געטהאָן, ווייל איך האָב דאַן אויף איהם רחמנות געקראָגען — האָט אל ערב געענטפערט.

— ווייסטו אָבער אַז דער געזעץ וויל ניט וויסען פון קיין רחמנות. דער שולדיגער מוז זיין שטראָף באַקומען. און יעצט וועל איך בעטען די ריכטער זיי זאָלען מיר ערלויבען צו רופען מיין סעקרעטאַר, אַלמאַעלי, אַלס אַן עדות פאַר'ן געזעץ.

דער ריכטער האָט צוגעשטימט און אַלמאַעלי איז צוגעקומען נאָהענט צו דעם טיש, וואו די שופטים זיינען געזעסען.

— האָסטו מיט זיך דעם געזעצבוך פון מצרים? — האָט אַלפאַדעל געפרעגט אַלמאַעלי'ן.

— יע, מיין האר! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט און אויפגעהויבען דאָס געזעץ בוך.

— יעצט לייען פאַר דעם געזעץ וואָס לויטעט אַז די שטראָף פאַר איינעם וועלכער בייט אום די מאַכמעדאַנישע רעליגיע אויף זיין אייגענער.

אַלמאַעלי האָט אויפגעמישט דעם געזעץ און ער האָט געלייענט:

„יעדער איינער וועלכער האָט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, סיי דורך צוואַנג און סיי דורכ'ן גוטען ווילען, מוז באַשטראָפט ווערען מיט דעם טויט, אויב ער האָט חרטה געהאַט און איז צוריקגעקעהרט צו זיין פריהערדיגע אמונה, ווייל דאָס איז גאָט'ס לעסטערונג".

— יעצט לייען פאַר דעם צווייטען געזעץ.

אַלמאַעלי האָט ווייטער געלייענט:

„ווען אַ מענש ווערט געפונען שולדיג אין לעסטערען אַללאַה און ווערט פאַר'משפט צום טויט, און אַ צווייטער העלפט איהם זיך אַרויסדרעהען און אַנטלויפט פון גערעכטיגקייט, דאַרף יענער אויך באַקומען די זעלבע שטראָף".

— יעצט, מיינע ווירדיגע ריכטער — האָט זיך אַלפאַדעל געווענדעט צו זיי — אויב איהר געפינט דעם רמב"ם שולדיג אין דעם פאַרברעכען, דאַרפט איהר, לויט'ן געזעץ, אויך געפינען שולדיג אל ערב'ן, וועלכער האָט נאָר וואָס אַליין צוגעגעבן, אַז ער, ווויסענדיג דאָס דער רמב"ם האָט אומגעביטען זיין רעליגיע אויף דער מאַכמעדאַנישער און נאָכהער חרטה געקראָגען האָט ער איהם געהאָלפען אַנטלויפען פון געפענגעניש. ווייל לויט די געזעצען פון אונזער לאַנד דאַרף דער אַרויסהעלפער פון אַ פאַרברעכער באַקומען די זעלבע שטראָף ווי דער פאַרברעכער אַליין! און יעצט באַפעהל איך אַז מען זאָל אל ערב'ן אַרעסטירען, כדי ער זאָל יעצט ניט קענען אַנטלויפען פון גערעכטיגקייט. און ווען איהר וועט באַטראַכטען דעם משפט, זאָלט איהר עס באַטראַכטען פאַרביידען, ווייל איין אורטייל דאַרף זיין פאַר ביידען.

די באַאַמטע האָבען באַלד אַ נעהם געטהאָן אל ערב'ן און האָבען אַרויס־

געטהאָן קייטען אויף זיינע הענט און איהם צוגעפיהרט און אוועקגעזעצט נעבען דער באשולדיגונגס באַנק.

ווען די דאָקטוירים, דעם רמב״ם׳ס שונאים האָבען דאָס דערזעהן, זיינען זיי געוואָרען אויסער זיך פון אויפרעגונג. אויף דעם אַז דער גרויס וויזיר זאָל ווערען דעם רמב״ם׳ס פּאַרטיידיגער האָבען זיי זיך גאָרניט גערעכנט.

עס איז ביי זיי געווען אַ זיכערע זאַך, נאָך דעם ווי אַזעלכע צוויי וויכ־טיגע עדות ווי אל ערב און סאיד וועלען קומען און באשולדיגען דעם רמב״ם אין דעם פאַרברעכען, וועט זיך ניט געפינען איינער וועלכער וועט איהם וועלען פאַרטיידיגען. און יעצט קומט גאָר דער גרויס וויזיר אַליין און פאַר־טיידיגט איהם. — און דאָך וואָס פאַר אַ פּאַרטיידיגונג. ער איז זעהר קלוג און ווייס ווי אַזוי צו צעקלאַפּען די פאַלשע עדות.

— איך האָב מורא אַז מיר זיינען אויך דיזעס מאָל דורכגעפאַלען — האָט דער דאָקטאָר אבולאפיא זיך אָפּגערופען צו זיין פריינד אין דער שטיל:

— לויט זייער אייגענע עדות קען מען איהם ניט פאַר׳משפט׳ן — האָט דער צווייטער איהם געענטפערט — סאיד און אל ערב האָבען אַזוי גוט ווי צוגעגעבען אַז זיי זיינען ניט געווען זיכער אויב דער רמב״ם האָט געהאַט ווען עס איז אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע אמונה.

— מערקווירדיג, ווען ער האָט מיר דערצעהלט וועגען רמב״ם אין פעץ, איז ער געווען זיכער אַז ער איז געווען אַ מאַכמעדאַנער.

— דאָס איז ווייל דו האָסט זיך ניט גענומען די מיה אויסצופאָרשען.

— יע, עס איז אונזער שולד, מיר האָבען בעדאַרפט וויסען אַז דער קאליף, וועלכער איז זעהר באַפריינדעט מיט׳ן רמב״ם וועט געוויס פאַר איהם באַשטימען אַ גוטען פאַרטיידיגער.

— ווער האָט עס געקענט וויסען אַז ביידע עדות האָבען ניט קיין איבער־צייגענדע באַווייזע געגען איהם.

— איך האָב מורא אַז יעצט וועט אל ערב זיך מודה זיין אויף אַלעס און וועט נאָך אונז אויך אריינשלעפּען אַלס זיינע ארויסהעלפער — האָט נאָך אַ דאָקטאָר זיך אָפּגערופען אין דער שטיל צו די איבעריגע.

— מיר דאַרפען טענה׳ן אַז מיר זיינען געווען זיכער אין זיינע רייד, און אַלס געטרייע מאַכמעדאַנער האָבען מיר אונזער פליכט געטהאָן און געזעהן אַז דער פאַרברעכער זאָל געבראַכט ווערען צום משפט.

— ווען מיר וועלען זיך אַלע האַלטען פעסט ביי אונזער באַשלוס, האָבען מיר ניט וואָס מורא צו האָבען.

— שאַ, מיר דוכט זיך אַז אל ערב האָט אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען אַלעס.

די דאָקטוירים האָבען גלייך אויפגעהערט צו ריידען צווישען זיך און געווענדעט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו דער ריכטונג וואו אל ערב איז געזעסען.

— ערקלערסטו זיך שולדיג אין דעם פאַרברעכען אַלס דער וועלכער האָט געהאָלפען דעם רמב״ם אנטלויפען — האָט דער הויפּט פון די שופטים זיך געווענדעט צו אל ערב׳ן.

— המ... ניין! — איך מיין אַז... איך בין אומשולדיג! — האָט אל־

ערב ארויסגעשטאמעלט.

— דאָס מיינט אַז דו לייקענסט אַז דו האָסט דעם רמב"ם געהאָלפען אנטלויפען פון פעז?

— יע, אָה, ניין!

— ענטפער קלאָר און דייטליך — האָט שוין דער הויפט פון די שופטים אויפגעהויבען זיין שטימע — האָסטו איהם געהאָלפען זיך צו באפרייען אָדער ניט!

— ניין! — איך האָב איהם ניט געהאָלפען.

— דו האָסט דאָך נאָר וואָס זיך מודה געווען פאַר דעם גרויס וויזיר אַז דו און דיין כלה, דעם גובערנאטאָר'ס טאָכטער האָבען גע'פועל'ט ביים גובערנאטער אין פעז ער זאָל דיר ערלויבען צו באפרייען דעם רמב"ם פון געפענגעניס, ווילסטו עס יעצט אָפּלייקענען?

— הייסט עס אַז דו גיסט צו אַז דו האָסט איהם געהאָלפען אנטלויפען, אין דער צייט, ווען דו האָסט געוואוסט אַז ער איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכען?

— איך האָב דאַן ניט געוואוסט, אַז עס.. איך מיין, אַז דאַן בין איך ניט געווען זיכער אַז ער איז שולדיג — האָט זיך אל ערב פּרובירט ארויסדרעהען פון פּלאָנטער.

— און יעצט ביזטו זיכער? — האָט דער הויפט פון די שופטים אויף איהם גענומען שטורמען — איך וואָרען דיר אַז אויב דו וועסט ניט ארויסקומען מיט'ן גאַנצען אמת, וועסטו גע'משפט ווערען צוזאַמען מיט'ן רמב"ם און דו וועסט באַקומען די זעלבע טראָף, ווייל אַזוי לויטען אונזערע ביכער. און דו דאַרפסט וויסען, אַז אויב דו וועסט זיך ניט מודה זיין אין צייט וועט פּיליכט שפּעטער זיין צו שפּעט פאַר דיר! אפילו ווען דער רמב"ם זאָל געפינען ווערען אומשולדיג וועסטו באַקומען אַ שטראָף פאַר דעם וואָס דו האָסט געוואָלט מאַכען אַ בלבול אויף אַן אומשולדיגען מאַן.

— און אויב איך וועל זיך מודה זיין? — האָט אל ערב געפרעגט

— וועל איך זיין פריי פון שטראָף.

— דאָס וועט זיך ווענדען דאַן אין רמב"ם, — אויב ער וועט דיר וועלען מוחל זיין, וועסטו באפרייט ווערען. — אויב ניט, וועסטו באַקומען אַ שטראָף. — אָבער דאַן וועט דיין שטראָף ניט זיין אַזוי שווער!

— איך קען דעם רמב"ם זעהר גוט און איך נעהם זיך אונטער זיך מודה צו זיין אויף אַלעס — האָט אל ערב אויסגערופען.

עס איז געוואָרען אַ באַוועגונג צווישען די דאָקטורים. זיי האָבען גענומען מורמלען צווישען זיך. באלד אָבער זיינען זיי איינגעשטילט געוואָרען. די שטילקייט אין געריכטס-צימער איז געוואָרען נאָך מעהר אָנגעצויגען. דער קאליף וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ און האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו אַלעס וואָס קומט פאָר אין פּאַלאַץ, האָט זיך יעצט אריבערגעבויגען כדי ער זאָל בעסער קענען הערען די רייד פון אל ערב'ן.

— איך וויל אַז דאָס געריכט זאָל מיר ערלויבען צו דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען, ווייל בלויז דאַן וועל איך קענען באווייזען אַז די אומשטענדען האָבען געהאַט פיעל צו טהאָן מיט דעם וואָס איך האָב אַזוי

נידעריג געזונקען און געמאַכט אַ בלבול אויף מיין בעסטען פריינד און לערער.

— יע, איך האָב פיעל געלערענט פון רמב"ם און מיט זיין גאַנצען הארצען בין איך איהם געווען דאַנקבאַר, ביז וואַנען איך בין אָנגעקומען אין קאַיראָ, און דאָ האָב איך זיך פלוצלונג געענדערט.

— דו קענסט אַרויסברענגען אַלע איינצעלהייטען פון דיין לעבען — האָט דער ראש פון די שופטים איהם געגעבען ערלויבעניש.

— ווען איך בין נאָך גאָר אַ יונגער אינגעל געווען אין קאָרדאָווא, האָב איך געקענט דעם רמב"ם און זיין משפחה. איך פלעג איהם גאַנץ אָפט טרעפען אין גאַס, ווייל ניט ווייט פון דעם הויז וואו דער רמב"ם האָט זיך געפונען, איז געווען נאָך אַ הויז און דאָרטען איז געווען אַ יונגע און זעהר שעהנע מיידעל וועמען איך האָב ליעב געהאַט און מיט יעדען יאָהר, וואָס איך בין עלטער געוואָרען, אַלץ שטאַרקער איז מיין ליעבע צו איהר געוואָרען. — ווען אַלמומען האָט איינגענומען קאָרדאָווא און האָט באַפוילען, אַז די וועלכע ווילען פאַרבלייבען אין קאָרדאָווא מוזען אָננעהמען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, האָט די משפחה פון רמב"ם אויסגעוואַנדערט פון קאָרדאָווא, אָבער די משפחה פון דער מיידעל, וועמען איך האָב ליעב געהאַט, איז פאַרבליבען אין קאָרדאַווא. די משפחה איז באַשטאַנען פון איהר פאָטער און אַ ברודער. איהר פאָטער האָט גלייך אָנגענומען אונזער גלויבען און דאָס האָט מיר געגעבען מעהר האָפנונג צו געווינען איהר האַרץ. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זי און איהר ברודער זיינען פאַרבליבען אידען. — די מיידעל האָט עס גאַנץ אָפען ערקלערט אויף אַ מאָלצייט וואָס מיין פאָטער האָט געגעבען לכבוד איהר — ווייל מיר האָבען אַלע איהר פאַררעכענט פאַר מיין כלה.

— האָט די מיידעל דיך ערמוטיגט? — האָט אַלבאַזעל איהם אונטערבראָכען.

— ניין! — זי האָט מיך קיינמאָל ניט ערמוטיגט — האָט אל ערב געענטפערט, — אָבער איהר פאָטער האָט צוגעשטימט אָפצוגעבען זיין טאָכטער פאַר מיין פרוי.

— איך האָב ניט געוואוסט אַז דאָס איז געווען געגען איהר ווילען. אָבער אין דער צייט פון מאָלצייט האָט זי פאַר אַלעמען ערקלעהרט אַז זי האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען און זי איז פאַרבליבען אַ אידישע טאָכטער. זי איז אַרעסטירט געוואָרען און נאָכהער איז איהר געלונגען צו אַנטלויפען מיט איהר ברודער. — איך האָב געמיינט אַז זי געפינט זיך אין פעז. און איך בין אַהין אַוועק און זיך געטראָפען מיט'ן רמב"ם. איך בין מיט איהם שטאַרק באַפריינדעט געוואָרען. ער האָט זעהר פיעל נוצען געבראַכט פאַר די איינוואָהנער פון פעז — ער פלעגט היילען די קראַנקע אומזיסט. צו איהם פלעגט אויך אַריינקומען סאַיד און נאָך פיעלע געלערענטע פאָעטען און פילאָזאָפען. און מיר אַלע האָבען פיעל געלערענט פון איהם. איך בין זיך מודה אַז כאָטש איך האָב די גאַנצע צייט געוואוסט אַז ער איז אַ איד, האָב איך פונדעסטוועגען ליעב געהאַט צו באַזוכען איהם און פאַרברייינגען אין זיין געזעלשאַפט. — איך וויים ניט אויב סאַיד האָט אויך געוואוסט פון דעם, אָבער איך האָב געוואוסט און

געשוויגען. דאָן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער און איך בין געוואָרען איהר חתן, און שפּעטער ווען מען האָט גע'מסר'ט דעם רמב"ם, אַז ער איז אַ איד, האָט איהם דער גובערנאַטאָר געלאָזט אַרעסטירען.

— קענסטו אונז ערקלערען ווי אַזוי האָט די באַשולדיגונג נעגען רמב"ם אין פעז געלויטעט? — האָט אַלפאַרעל זיך געווענדעט צו אל ערב'ן — האָט מען אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז געווען פריהער אַ מאַכמע־דאַנער, און צוריק געוואָרען אַ איד, אָדער אַז מען האָט זיך דערוואוסט אַז ער איז אַ איד?

— מען האָט איהם בלויז באַשולדיגט אַז ער היט אָפּ אידישקייט, און פאַר דעם האָט איהם דער גובערנאַטאָר געלאָזט אַרעסטירען און נאַכהער צום טויט פאַר'משפּט. — איך האָב זיך דאַן פאַר איהם איינגעשטעלט און זיך משתדל געווען צוזאַמען מיט מיין כלה ביים גובערנאַטאָר, ער זאָל מיר ערלויבען איהם צו באַפרייען פון געפענגנים. — איך האָב די ערלויבענים געקראָגען און האָב איהם באַפרייט און די זעלבע נאַכט האָט דער רמב"ם און זיין משפּחה אָפּגערייזט פון פעז.

— און וואָס האָט דיר יעצט באַוואויגען צו קומען אַהער קיין קאָר־דאָווא? — האָט אַלפאַרעל איהם ווייטער געפרעגט.

— איך האָב זעהר פיעל געהערט אין פעז פון די גרויסקייט פון רמב"ם און דאַן האָט פּאַסירט עפּעס וואָס האָט דעם גובערנאַטאָר, מיין שווער געמאַכט פיהלען אַ שטאַרקע חרטה, וואָס ער האָט אַזוי שלעכט באַהאַנ־דעלט דעם רמב"ם, וועלכער איז געווען אַ בענטשונג פאַר דער שטאָדט פעז — זיין טאָכטער, מיין פרוי איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, און קיינער פון די רופאים פון פעז האָבען איהר ניט געקענט אויסקורירען. — אַלע אָבער האָבען צוגעגעבען, אַז דער איינציגער וועלכער וואָלט געקענט ראַטע־ווען איהר לעבען איז דער רמב"ם, און דאַן האָב איך באַשלאָסען אָפּצורייזען נאָך קאירא און איך האָב געהאָפט אַז ווען איך וועל דעם רמב"ם דערצעהלען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, וועט ער מיט מיר מיטרייזען.

אל ערב האָט זיך אַ ווייַלע אָפּגעשטעלט, קענטיג אַז עס איז איהם געווען שווער צו ריידען, אָבער באַלד האָט ער פאָרטגעזעצט:

— דעם טאָג וואָס איך האָב געזאָלט פאַרלזען פעז, איז מיין פרוי געשטאָרבען. עס איז געווען צו שפּעט. און אַזוי האָט דער גובערנאַטאָר פאַרלוירען זיין באַליעבסטע טאָכטער. — איך ווייס ווי שטאַרק חרטה ער האָט געהאַט אויף דעם ווי ער האָט געהאַנדעלט געגען רמב"ם און ער האָט זיך געפיהלט אַ סך שולדיג אין זיין טאָכטער'ס טויט.

— נאָך מיין פרוי'ס טויט האָב איך באַשלאָסען דאָך אָפּצורייזען נאָך מצרים און זיך זעהן מיט מיין אַמאָליגען פריינד. — אויף מיינע געדאַנ־קען איז מיר אויך אַרויפגעקומען די מיידעל פון קאָרדאָווא, וועמען איך האָב אַמאָל זעהר ליעב געהאַט. — איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זי נאָך טרעפען אין מצרים, און מעגליך, אויב זי איז נאָך ניט פאַרהייראַט, וועט זי ערווידערען מיין ליעבע, און דאַריבער איז געווען שטאַרק מיין ענטטויש־ונג און פאַרביטערטקייט געגען רמב"ם ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז

שרה, די מיידעל וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק געליבט איז זיין פרוי.

— איך זעה יעצט איין, אַז איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט צו זיין אויף איהם אין כעס צוליעב דעם, ווייל שרה האָט דאָך מיך קיינמאָל ניט ערמוטיגט, און זי וואָלט געוויס מיט מיר קיינמאָל ניט חתונה געהאַט, אַפילו ווען זי איז ניט פאַרהייראַט. — אָבער דאַן ווען איך האָב עס געזעהן, האָב איך זיך ניט געקענט באַהערשען, און איינינע מענשען, וועלכע ווי עס ווייזט אויס, זיינען ניט קיין גרויסע פריינד פון רמב"ם. דאָס האָט מיר נאָך מעהר אויפגערייצט געגען איהם און איך האָב אַריינגעבראַכט די קלאַגע געגען איהם. יעצט האָב איך חרטה מיט מיין גאַנצען האַרצען. — איך בין גרייט צו באַקומען מיין שטראָף פאַר דעם בלבול, ווייל איך האָב עס פאַרדינט.

די אָנגעצויגענקייט אין געריכטס־צימער איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. דער רמב"ם, וועלכער איז געזעסען אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק ניט ווייט פון אל ערב'ן האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון אל ערב'ס מויל מיט גרויס איבערראַשונג.

איידער אל ערב האָט פאַרענדיגט ריידען, האָט ער זיך געווענדעט מיט'ן פנים צום רמב"ם און מיט פולע אויגען טרעהרען זיך אָפּגערופען:

— איך בעט דיך, מיין גרויסער און ווירדיגער לעהרער, ווענ־עס נאָמען איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען — פון דער טיפעניש פון מיין נשמה בעט איך דיר, דו זאָלסט מיר פאַרגעבען פאַר מיין גרויסען פאַרברע־כען געגען דיר — אַפילו נאָך דעם ווי איך וועל מיין פאַרדינטע שטראָף באַקומען אין פולען מאָס. האָף איך אַז דו וועסט אויף מיר קיין שנאה ניט טראָגען פאַר דעם וואָס איך האָב זיך באַנאַרישט און זיך געלאָזט פאַר־פיהרען פון דיינע שונאים — זיי מיר מוחל!

— איך בין דיר מוחל — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען.

דער הויפּט פון די שופטים האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און האָט אויסגערופען:

— ווי מיר אַלע זעהן, איז דאָ פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדניש צווי־שען רמב"ם און זיין אַמאָליגען פריינד אל ערב. — די באַשולדיגונג געגען רמב"ם אַז ער האָט אַמאָל אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע ציינט זיך אַרויס צו זיין אומבאַגרינדעט און פאַלש און איך וויל, אין נאָמען פון אַלע ריכטער זיך ענטשולדיגען פאַר אונזער ווירדיגען און געעהרטען פריינד — דעם רמב"ם פאַר די אונאַנגענעהמליכקייט, וואָס מיר האָבען איהם פאַרשאַפט. — ער איז פריי!

גרויס פרייד האָט געהערשט אין געריכטס צימער צווישען אַלע אַנוועזענדע. די דאָקטוירים אָבער, די שונאים פון רמב"ם זיינען געווען זעהר אומעטיג און טרויעריג.

דער קאַליף האָט זיך אויפגעשטעלט און באַדאַנקט די שופטים פאַר דעם גערעכטען משפט און ער האָט פאַרלאַנגט פון רמב"ם אַז ער זאָל מיט איהם איבערבלייבען אין פּאַלאַץ.

— אַלמאַעילי דיין שוואָגער וועט שוין איבערגעבען דיין משפחה וועגען אַלעם! — האָט סאַלאַדין איהם געזאָגט.

— מיר ווילען דיך פרעגען אויב מיר זאָלען אל ערב'ן פאַרהאַלטען און

איהם מיט עפּעס באַשטראָפן אַפילו ווען די שטראָף זאָל ניט זיין קיין שווערע! — האָט זיך דער הויפּט פון די שופטים אָפּגערופן צום רמב"ם.

— אָה, ניין, — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — אל ערב איז יעצט ווידער מיין פריינד און איך בעט אז מען זאָל איהם אין גאַנצען באַפרייען.

— זאָל מען פון אל ערב'ן אַראָפּנעמען די קייטען! — האָט דער שופט א זאָג געטהאָן צו די באַאַמטע.

מען האָט גלייך אַרונטערגענומען די קייטען פון אל ערב'ס הענט.

— דו ביזט פריי! — האָט דער שופט זיך צו אל ערב'ן געווענדעט.

— איך דאַנק דיר, מיין האר! — האָט זיך אל ערב פאַרנייגט.

— ניט מיר דאַרפסטו דאַנקען! — האָט דער שופט געענטפערט. — פאַר דיין פרייהייט דאַרפסטו באַדאַנקען דעם נאָבעלען און איידעלען רמב"ם, וועלכער איז אַזוי ברייטהאַרציג אז ער וויל זיך ניט נוקם זיין אָן זיין גרעסטען שונא, וועלכער האָט פאַרוּרזאַכט אז צווישען איהם און דעם טויט זאָל בלויז זיין איין טריט... בלויז אַזאַ גרויסער און ערהאָבענער מענש קען באַהאַנדלען אַזוי זיין געפעהרליכסטען שונא!

מיט טרערען אין די אויגען איז אל ערב צוגעגאַנגען צום רמב"ם און איז איהם געפאַלען צו די פיס פאַר אַלע אַנוועזענדע אין די אויגען.

— איך האָב זעהר שטאַרק געזינדיגט געגען דיר. איך ווייס אז איך האָב ניט פאַרדינט דיין גנאָדע וואָס דו ווייזט מיר אַרויס.

— דו האָסט מיין לעבען געראַטעוועט אין פעז און איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר דעם, — האָט דער רמב"ם געדריקט זיין האַנט. — איך ווייס אז עס איז ניט דיין שולד, וואָס דו האָסט אין א צייט פון אויפרעגונג זיך פאַרלאָרען און געלאָזט זיך פאַרפיהרט ווערען פון דיין צייטווייליגען צאָרן און מיינע שונאים. איך פאַרזיכער דיך אז איך בין דיר מוחל מיט מיין גאַנצען האַרצען און איך בעט דיך צו קומען צו מיר אין הויז אלס מיין גאַסט. פאַרשפּרעכסטו מיר צו קומען נאָך היינט אין אָוונד און מיר וועלען צוזאַמען פייערען אונזער באַנייטע פריינדשאַפט?

אל ערב האָט געדריקט דעם רמב"ם'ס האַנט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט ווי אויסצודריקען מיין דאַנקבאַרקייט צו דיר, מיט דיין גרויסקייט האָסטו באַוויזען מיין קליינליכקייט. איך בין דיין קנעכט אויף אייביג.

— ניט מיין קנעכט, נאָר מיין פריינד! — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

— פאַרפלוכט זאָלען ווערען די וועלכע האָבען מיך באַאיינפלוסט דיר שלעכטעס צו טהאָן! — האָט אל ערב אויסגערופען. — וויפיל האָט גע־פעלט אז איך זאָל באַגעהן דעם גרעסטען פאַרברעכען!

— ניט שילטען, נאָר מיטלדיי דאַרף מען האָבען מיט זיי! — האָט דער רמב"ם געענטפערט. — זייער שנאה האָט זייערע אויגען פאַרבלענדט! קום צו מיר אין הויז היינט אין אָוונד!

ווען די שופטים און די איבעריגע זיינען אַוועק, איז דער רמב"ם פאַרבליבען אין פּאַלאַץ. אויך דער גרויס־וויזיר אלפאַדעל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איך ווייס ניט ווי דיר דאַנקבאַר צו זיין! — האָט דער רמב"ם

זיך געווענדעט צו אַלפאַדעל׳ן.

— דו האָסט געפיהרט די פאַרטיידיגונג מיט גרויס געשיקטקייט און פאַרשטאַנד! — האָט איהם דער קאַליף געלויבט — און איך אַליין בין דיר אויך זעהר דאַנקבאַר וואָס דו האָסט אַזוי גוט אַרויסגעבראַכט דעם רמב"ם׳ס אומשולד, אַז עס איז ביי קיינעם דער מינדעסטער צווייפעל ניט פאַרבליבען!

— ניט איך האָב די דאַנקען פאַרדינט, נאָר מיין סעקרעטאַר אַלמאַעלי, ער האָט מיר אַלעס קלאָר געמאַכט און ער האָט פיר מיר צוזאַמענגעשטעלט אַלע פראַגען פאַר די עדות. ער האָט אויך מיר אויפמערקזאַם געמאַכט וועגען דעם צווייטען געזעץ וואָס לויטעט אַז אַן אַרויסהעלפער פאַרדיענט די-זעלבע שטראָף.

— אויב אַזוי גיעב איבער דיין סעקרעטאַר אין מיין נאָמען אַז איך דאַנק איהם פאַר דעם אונשאַצבאַרען דינסט וואָס ער האָט געלייסטעט פאַר מיר און פאַר מיין לאַנד.

א היבשע ווײַלע האָבען זיי פאַרבראַכט אין פאַלאַץ און אַרומגערעדט אַלעס. באַלד איז אַריין אַ וועכטער און געמאָלדען דעם קאַליף אַז דער גענע-ראַל וועמען דער רמב"ם האָט אויסגעהיילט וויל אַריינקומען.

— זאָל ער גלייך אַריינקומען! — האָט דער קאַליף געענטפערט, און ווענדענדיג זיך צום רמב"ם און אַלפאַדעל, האָט ער געזאָגט:

— איך בין שטאַרק געווען פאַרוואונדערט, וואָס דער גענעראַל איז ניט געקומען צום משפט. איך וויים ווי שטאַרק ער שעצט דיך און ליעבט דיך. און איך האָב ערוואַרטעט אַז ער וועט געוויס קומען און זיך איינ-שטעלען פאַר דיר.

דער גענעראַל איז אַריינגעקומען און אויסגערופען:

— געבענשט זאָל זיין דער גנעדיגער קאַליף וואָס ער האָט געזעהען אַז גערעכטיגקייט זאָל געטהאָן ווערען. זינט איך האָב זיך דערוואוסט אין וואָס מען באַשולדיגט מיין טייערען פריינד דעם רמב"ם האָב איך געפאַסט. איך האָב ניט געשלאָפען און מתפלל געווען פאַר איהם. און געלויבט זאָל זיין אַללאַה וואָס ער האָט צו מיינע תפילות זיך צוגעהערט און דעם רמב"ם׳ס אומשולד איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען. איך האָב געהאַט גענוג צוטרויען אין דעם ווירדיגען קאַליף, אַז ער וועט זעהן אַז אַ גערעכטער משפט זאָל אַרויסגעבראַכט ווערען. איך האָב ביי זיך ניט געקענט באַשליסען צו קומען צום משפט, ווייל איך האָב געוואוסט אַז איך וועל עס ניט קענען אַריבער-טראָגען. און יעצט מיין גנעדיגער קאַליף, איך גלויב אַז מיר אַלע ווייסען ווער עס זיינען די שולדיגע וועלכע האָבען דעם בלבול פאַרשפּרייט און איך וואָלט געבעטען דעם קאַליף אַז ער זאָל די שולדיגע באַשטראָפען.

— פון דעם האָב איך שוין אויך געטראַכט! — האָט סאַלאַדין געזאָגט.

— זיי האָבען דורך זייער גרויסע שנאה און קנאה צום רמב"ם באַגאַנגען פיעלע אומרעכטען. דאָס אַליין וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען אַז ער זאָל דיך אויסהיילען פון דיין שרעקליכער קראַנקהייט, באַווייזט ווי גרוי-זאַם אונאומהערליך זיי זיינען. מיך פאַרדריסט שוין וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט צוטרויען צו זיי און זיי אָנגעשטעלט אַלס מיינע הויף

דאָקטוירים און יעצט בין איך גרייט זיי צו באַשטראָפען!

— איך בעט דיך גנעדיגער קאַליף מיר צו טהאָן די געפעליגקייט און קיינעם ניט באַשטראָפען. די שלעכטסקייט פון די שלעכטע איז זייער שטראָף.

— איך וויים אַז זיי האָבען ניט פאַרדינט דאָס דו זאָלסט זיך פאַר זיי איינשטעלען! — האָט סאַלאַדין געזאָגט — אָבער איך וועל טהאָן דיין פאַרלאַנג און זיי ניט באַשטראָפען. אָבער איין זאַך קען איך דיך פאַרזיכערען אַז ביז יעצט האָבען זיי געהאַט אַ פרייען צוטריט צו מיר אין פאַלאַץ, פון היינט אָן וועל איך אָנזאָגען מיינע וועכטער אַז מען זאָל זיי ניט צולאָזען צו מיר. איך וויל זיי מעהר ניט וויסען, און די געצאָהלט וואָס זיי פלעגען באַקומען באַצאָהלט פון דער מלוכה קאַסע, וועט אָפּגעשטעלט ווערען.

— זיי האָבען ניט פאַרדינט! — האָט אַלפאַדעל געזאָגט. — זיי האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, ווען זיי האָבען באַשלאָסען דורכצו־פיהרען זייער נקמה פּלאַן. איך האָב שוין לאַנג אויסגעפונען אַז זיי פּלאַ־נעווען דעם רמב"ם שלעכטעס צו טהאָן. אָבער גענוי אין וואָס זייער פּלאַן באַשטעהט האָב איך ניט געוואוסט.

— איך בין זיכער אַז ווען זיי וועלען יעצט אַוועקגעהן אומבאַשטראָפט, וועלען זיי ווייטער פּלאַנעווען איהם שלעכטעס צו טהאָן! — האָט דער גענעראַל זיך אָפּגערופען צום קאַליף.

— איך גלויב ניט אויב זיי וועלען וואַגען עס צו טהאָן! — האָט סאַלאַדין געזאָגט — יערענפאַלס וועל איך האַלטען מיינע אויגען אָפען און זעהן וואָס זיי טהוען.

— איך האָב איינעם אַ רופא וועלכער איז מיינער אַן איבערגעבענער פריינד, און ער האָט מיר פריהער געוואָרענט, אַז זיי פּלאַנעווען שלעכטעס צו טהאָן דעם רמב"ם — האָט אַלפאַדעל געזאָגט. — ער האָט אָבער ניט געוואוסט אַלע זייערע פּלענער ווייל זיי האָבען צו איהם ניט געהאַט צו־פיעל צוטרוי. יעצט וועל איך איהם בעטען ער זאָל זיך מיט זיי נעהענטער באַפריינדען און ער וועט אויסגעפינען אַלע זייערע פּלענער און מיר לאָזען וויסען.

---

אומגעהויערע פרייד האָט געהערשט אין דעם רמב"ם'ס הויז אַזוי שנעל ווי אַלמאַעלי איז געקומען אָנזאָגען די בשורה פון זיין באַפרייאונג. שרה איז געפאַלען איהר ברודער אויפ'ן האַלז און האָט געוויינט פון שמחה.

רות און יוסף אבן עקנין האָבען אויך געווישט זייערע אויגען.

אַלמאַעלי האָט מיט אַלע איינצעלהייטען דערצעהלט וואָס עס איז פאָרגעקומען און פאַרענדיגט:

— דער קאַליף און דער וויזיר האָבען שוין געזעהן אַז זיינע שונאים זאָלען קריגען אַ מפּלה.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער פאַרלאָזט אונז ניט! — האָט שרה אויסגערופען.

אַזוי ריידענדיג איז אָנגעקומען שפרה, אַלמאַעלי'ס פרוי, די שוועסטער פון רמב"ם. זי האָט שוין זיך דערוואוסט פון איהר ברודער'ס באַפריי־

אונג און זי איז געלאָפן איהם זעהן.

— אווי איז מיין ליבער ברודער! — האָט זי אויסגערופען.

— דער קאליף האָט איהם פארהאַלטען און ער וועט באלד קומען!

— האָט אלמאעלי ערקלעהרט שפרה'ן.

מיט גרויס אונגעדולד האָבען זיי אַלע ערוואַרטעט דעם רמב"ם. באלד האָבען זיי דערזעהן אַ קארעטע דערנעהענטערט זיך און דער רמב"ם איז ארויסגעקומען. שרה און שפרה זיינען איהם אנטקעגען געקומען און איהם געהאַלזט און געקושט.

— געלויבט איז דער אַלמעכטיגער אין וועמען איך האָב געהאַט בטחון! — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — ער איז מיר ביינגעשטאַנען אין דער צייט פון נויט. יעצט וועלען שוין מיינע שונאים מיהר ניט וואגען אויפצוהויבען זייערע קעפ גענען מיר. מיט שאַנדע און חרפה זיינען זיי אַוועק.

— איך וואונדער זיך אויף אל ערב'ן. ער איז דאָך אַ געבילדעטער מאַן, פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט פאַרפיהרען פון דיינע שונאים! — האָט שפרה זיך אָפּגערופען.

— עס איז זעהר לייכט אויפצורייצען איין מענשען געגען צווייטען!

— האָט דער רמב"ם געענטפערט — בפרט אין אַ צייט ווען ער האָט זיך געפיהלט ענטוישט און נעוועזן אויפגערעגט.

שרה, שפרה און רות האָבען גענומען גרייטען צום טיש. אַ פיינעם מאָלצייט האָבען זיי צוגעגרייט. אַלע האָבען זיך געוואַשען און געזעצט עסען. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט שרה אַ צושראָקענע אויסגערופען.

— דאָס איז געוויס אל ערב! — האָט דער רמב"ם מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— אל ערב?! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

— יע, אל ערב. איך האָב איהם איינגעלאַדען צו אָווענד ברויט. איך האָף אז מיר וועלען פאַרבלייבען גוטע פריינד ווי מיר זיינען געוועזן אַמאָל.

— זאָל איך עפענען די טיר? — האָט יוסף אבן עקנין זיך אויפגעשטעלט.

— ניין, איך וועל אַליין גיהן עפענען די טיהר פאַר מיין נייעם פריינד! — האָט דער רמב"ם געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר און זי אויפגעעפענט.

— ווילקאָמען, מיין פריינד אל ערב! — האָט דער רמב"ם אויסגע-שטרעקט זיין האַנט צו איהם.

אל ערב האָט אָנגענומען דעם רמב"ם'ס האַנט. זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

— קום אַריין אינווענינ!

אל ערב איז מיט לאַנגזאַמע טריט נאָכגעגאַנגען דעם רמב"ם. זיין קאָפּ האָט ער געהאַלטען געבויגען...

ווען ער איז צוגעקומען צום טיש האָט דער רמב"ם איהם אָנגעוויזען

אויף זיין פלאץ. ער האט זיך געזעצט.

אלע ארום האבן געשוויגן. די שטילקייט אין צימער איז געווען עטוואס אן אנגעצויגענע.

— איך וויל אז מיר זאלן אלע פארגעסן די פארגאנגענהייט! — האט דער רמב"ם זיך אפגערופן. — מיר אלע באגעהען פעהלערן אין אונזער לעבן. אויף דעם זיינען מיר דאך מענשען פון פלייש און בלוט און ניט קיין מלאכים. און יעצט וויל איך אויפהייבן מיין כוס וויין און טרינקען פאר אונזער נייעם פריינד אבו אל ערב איבן מושע, דער, וועלכער האט מיין לעבן געראטעוועט אין פעז.

— איך בין ניט אומשטאנד אויסצודריקען מיינע געפיהלען! — האט זיך אל ערב אויפגעשטעלט און די טרעהרען האבן איהם אין האלז גע־שטיקט. — אבער איך וויל זאגען איין זאך, אז אויב איך בין א מענש פון פלייש און בלוט, ביזאו א געטליכער מלאך! דו האסט געבראכט ליכט אויף דער וועלט דורך דיין חכמה און געלערנטקייט. דיין נאבעלע נשמה איז א טהייל פון געטליכקייט וואס דער אלמעכטיגער האט אין דיין קערפער אריינגעגעבען! איך האב ניט פארדינט צו געפינען זיך אונטער איין דאך מיט דיר און דיין ווירדיגער משפחה.

זיי האבן אלע געגעסען און נאך דעם אוונד ברויט האט זיך שוין אל ערב געפיהלט א סך היימישער. ער האט שוין אנגעפאנגען צו רעדען וועגען די פארגאנגענע יאהרען, וועגען זיינע ערפאהרונגען, וועגען זיין וואנדערונג.

שרה האט ארויסגעבראכט איהר קינד אברהם און אל ערב האט איהם זעהר שטארק געליבט.

— זאל דער באשעפער פון דער וועלט געבען אז דיין זוהן זאל זיין געראטען אין זיין פאטער! ער זאל געהן אין זיינע פוסטריט און ברייגען רוהם און שטאלץ צו זיין פאלק.

---

די רופאים, דעם רמב"ם'ס שונאים האבן זיך געפיהלט דערשלאגען און פארביטערט. זיי האבן געלעגט אזוי פיעל האפנונג אויף אל ערב'ן זיי זיינען געווען זיכער אז זייער פארהאסטער שונא, וועט פאר'משפט ווערען צום טויט און וועט גלייך הינגעריכטעט ווערען, צום סוף האבן זיי געלי־טען אזא מפלה. זייער איינענער עדות האט, אונטער דעם קרייץ־פארהער פון וויזיר, צוזאמענגעבראכען און אנשטאט איהם צו באשולדיגען אין דעם פארברעכען, האט ער איהם נאך געליבט און דערהויבען... יעצט איז דעם רמב"ם'ס ווירדע געשטיגען אין די אויגען פון קאליף און פון פאלק. יעצט וועט שוין פאר זיי אינגאנצען זיין אונמעגליך שלעכטעס צו טהאן זייער שונא.

אין אבולאפיא'ס הויז, האבן זיך אלע רופאים פארזאמעלט און זיך גענומען באראטהען וואס ווייטער צו טהאן.

— ווער וואלט עס געקענט גלויבען אז אל ערב איז אזא שוואכלינג, אז ער וועט זיך דערשרעקען און וועט זיך מודה זיין! — האט אבולאפיא געזאגט. — ווען ער וואלט באשטאנען אויף זיין עדות זאגען און וואלט

ניט מורא געהאט, וואָלטען מיר יעצט פטור געוואָרען פון אונזער גרעס־טען שונא!

— גראדע דער אנדער עדות סאיד האָט זיך ניט אונטערגעגעבען — האָט אַ צווייטער רופא געזאָגט — נאָר עס פאַרשטעהט זיך, אַז צוליעב אַל ערב׳ן האָט שוין מעהר קיינער ניט געלעגט קיין געוויכט אויף סאיד׳ס רייד.

— ווען איך האָב געזעהן ווי ער איז צוגעגאַנגען צום רמב"ם און ביי איהם מחילה געבעטען, האָב איך ניט געקענט איינזיצען אויף מיין פּלאַץ פון אויפרעגונג.

— איך האָב מורא אַז פון יעצט אָן וועט אַל ערב ווערען נאָך שטאַר־קער באַפריינדעט מיט דעם רמב"ם און ער וועט איהם נאָך אַרויסגעבען פיעלע פון אונזערע געהיימע געשפּרעכען וואָס מיר האָבען מיט איהם גע־פיהרט אין דער צייט ווען מיר האָבען צו איהם געהאַט צוטרויען.

— ווי עס זאָל ניט זיין וועט אונזער לאַגע זיין ערגער יעצט. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז מיר האָבען געוואָלט באַאיינפלוסען אַל־ערב׳ן געגען רעמב"ם און דאָס וועט אונז קיין צופיעל גוטעס ניט טהאָן.

דער גרויס וויזיר אלפאדעל האָט געשיקט רופען זיין געטרייען פריינד דעם רופא און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס די אנדערע רופאים האָבען געוואָלט טהאָן צו מיין פריינד דעם רמב"ם און די מפּלה וואָס זיי האָבען געליטען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז זיי וועלען זיך נאָך אַלץ ניט בערוהיגען און וועלען זוכען מיטלען ווי אַזוי דורכצופיהרען זייערע שענדליכע פּלענער געגען רמב"ם. דו ביזט געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דערווייטענס און דו האָסט זיך מיט זיי ניט געמישט. יעצט גלויב איך אַז עס וועט זיין ראַטזאַם אַז דו זאָלסט זוכע זייער פריינדשאַפט. דו קענסט אַריינקומען צו זיי און זאָגען אַז דו האָסט זיך דערוואוסט אַז דער קאַליף איז זעהר אויפגעבראַכט געגען אַלע רופאים. — דו וועסט זיך אויך אַריינגעהמען אין כלל. דו וועסט זיי זאָגען אַז דער קאַליף האָט זיי פערבאָטען איבערצוטרע־טען זיין שוועל. דורכדעם וועסטו געווינען זייער צוטרויען. און ווען דו וועסט אויסגעפינען אַז זיי פּלאַנעווען שלעכטעס צו טהאָן דעם רמב"ם, זאָלסטו מיר לאָזען גלייך וויסען. איך פאַרשטעה אַז זיי האָבען זיך נאָך ניט בערוהיגט. עס פערשטעהט זיך אַז דו וועסט דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג. דו אַליין זאָלסט פאַר אַ לאַנגער צייט ניט קומען צו מיר, כדי זיי זאָלען דיר ניט פאַרדעכטיגען, און ווען דו וועסט אויסגעפינען וועגען אַ וויכטיגען בע־שלוס וואָס זיי האָבען דערגרייכט צווישען זיך, וואָס זאָל ברענגען שאַדען דעם רמב"ם, זאָלסטו מיר לאָזען גלייך וויסען, דורך אַ פערטרויענסווערטען שליח און איך וועל שוין זעהן אַז זייער פּלאַן זאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען. זייער שנאה און קנאה וואָס זיי פיהלען צום רמב"ם האָט זיי אינגאַנצען בלינד געמאַכט און זיי וועלען געוויס זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבשטעלען כדי צו שעדיגען מיין פריינד דעם רמב"ם און זיין משפּחה.

— איך וועל דיין פאַרלאַנג ערפילען, גנעדיגער וויזיר! — האָט דער רופא זיך אָפּגערופען — ווייל איך אַליין ווייס אויך ווי אָפּצושעצען די

גרויסקייט פון רמב"ם און זיין נוצליכקייט, און איך וועל זיך שעצן גליק־
ליך אויב מיר וועט געלינגען צו פערמיידען אז קיין שלעכטעס זאָל ניט
געטהאָן ווערען צו איהם.

דער רופע איז אוועק צו אבולאפיא אין הויז. ער האָט דאָרטען געטראָפען
אלע רופאים. צום אָנפאַנג האָבען זיי זיך באַצויגען צו איהם מיט פאַרדאַכט,
ווייל ער פלעגט זעהר זעלטען קומען צו זייערע פערזאמלונגען.

— איך האָב אייך געבראַכט זעהר ניט קיין פרעהליכע בשורה! —
האָט דער רופע געזאָגט — איך האָב זיך נאָר וואָס דערוואוסט אז דער
קאַליף איז זעהר אויפגעבראַכט געגען אונז אַלעמען. יע, געגען אַלע זיינע
געוועזענע רופאים. ער האָט ארויסגעגעבען א באַפעהל אז מען זאָל אונז
מעהר קיינמאָל ניט צולאָזען צו איהם אין פאַלאַץ.

— איך האָב אָבער גלייך פערשטאַנען אז דער רמב"ם האָט סאלאַדינ'ען
בעאיינפלוסט געגען אונז! — האָט אבולאפיא אויסגערופען מיט צאָרן אין
זיין שטימע. — מיינע פריינד, איך זאָג אייך, אז אזוי לאַנג ווי דער רמב"ם
וועט לעבען, וועלען אונזערע לעבענס פערביטערט ווערען. און ניט נאָר
מיר אליין נאָר אלע מאַכמעדאַנער וועלען ווערען פערקנעכטעט צו די אידען.

— וואָס איז אונז יעצט געבליבען צו טהאָן? — האָט א צווייטער
געפרעגט, — האָבען מיר דען ניט געטהאָן אלעס וואָס עס איז מעגליך געווען
פאַר אונז צו טהאָן? דער פערפלוכטער איד, אָבער, האָט מזל און אלע
אונזערע פלענער געגען איהם זיינען דורכגעפאַלען.

— לאָמיר מאַכען א פערזוך צו קומען צום קאַליף'ס פאַלאַץ און מיר
וועלען זעהן אויב עס איז ריכטיג אז ער האָט פערבאָטען אונז ארייננצולאָזען
צו איהם.

יע, לאָמיר עס אויסגעפינען — האָבען די איבריגע צוגעשטימט.

— איך וועל מאָרגען אין דער פריה צוגעהן צו דעם טויער פון פאַלאַץ
און זעהן אויב די וועכטער וועלען מיר ניט ערלויבען ארייננצוגעהן אינוועניג.
— האָט אבולאפיא געזאָגט. — און איך בעט אייך אז איהר זאָלט מאָרגען
אין אָזענט נאָכאמאָל צוקומען צו מיר און איך וועל אייך איבערגעבען, וואָס
עס איז געשעהן.

אבולאפיא איז אויף דעם צווייטען טאָג אוועק צום פאַלאַץ פון סאלאַ־
דין. ער איז געוועזגעוואוינט, אז ווען ער פלעגט צוקומען צו דעם טויער פון
פאַלאַץ, פלעגען זיך די דרויסענדע וועכטער פאַר איהם פאַרנייגען און איהם
גלייך אריינלאָזען אין הויף. דאָרטען פלעגט מען איהם דאַרפען מעלדען
דעם קאַליף און ווען ער פלעגט קריגען די ערלויבעניס, פלעגט ער אריינ־
קומען אין טראָהן צימער. יעצט ווען ער איז צוגעקומען צו דעם טויער פון
פאַלאַץ און זיך געצייגט פאַר דעם וועכטער, האָט ער זיך ניט געריהרט
פון אָרט.

אבולאפיא האָט געוואָלט אריינגעהן, אָבער די וועכטער האָבען איהם
פאַרשטעלט דעם וועג מיט זייערע שפּיזען.

— פאַרוואָס לאָזט איהר מיך היינט ניט אריין אין הויף? — האָט
אבולפיא מיט א בייזער שטימע זיך צו זיי געווענדעט.

— מיר האָבען א באַפעהל פון אונזער ווירדיגען קאַליף ניט אריינצו־

לאָזען זיינע געוועזענע רופאים אין זיין הויף.

אבולפיא האָט גאָר ניט געענטפערט. ער איז פון דאָרטען שנעל אוועק־געגאַנגען. יעצט זעהט ער אז דער דאָקטאָר איז געווען גערעכ. דער קאַליף האָט ווירקליך פאַרבאָטען אַלע זיינע פריהערדיגע רופאים אריינצוקומען אין פּאַלאַץ.

אין אָוונד ווען זיינע פריינד, די אַנדערע רופאים זיינען געקומען, האָט ער זיי מיט פאַרביטערונג אַלעס דערצעהלט.

זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט. ער וועט זיך נוקם זיין אָן רמב"ם! ער איז אַוועק צו זיך אַהיים און גענומען פּלאַנעווען און טראַכטען וואָס צו טהאָן.

— איהר זעהט צו וואָס דער רמב"ם האָט אונז געבראַכט! — האָט ער אויסגערופען. — מיר האָבען אין גאַנצען אונזער חן פאַרלאָרען אין די אויגען פון קאַליף! יעצט וויל ער אונז ניט אריינלאָזען צו זיך אין הויף. איך זאָג אייך מיינע פריינד, אז כל זמן דער רמב"ם וועט לעבען, וועלען מיר אונזערע קעפּ ניט קענען אויפהויבען. זיין שעדליכער גייסט שוועבט אומעטום און וועט ברענגען שאָדען צו אונז און צו אַלע מאַכמעדאַנער.

— אַ טויט צום רמב"ם! — האָט איינער אויסגערופען.

— דאָס איז אונזער איינציגע רעטונג! האָט אבולפיא צוגעגעבען — אָבער אַזאַ שריט איז פאַרבונדען מיט גרויס געפאַהר און מיר דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג.

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט נאָך איינער זיך אָפּגערופען. — ווי עס איז באַוואוסט געהט דער רמב"ם היילען יעדען איינעם צו וועמען מען רופט איהם, מעג ער וואוינען גאַנץ ווייט אין דער אָרימסטער געגענד. אויב אַזוי זאָלען מיר שיקען איינעם צו בעטען דעם רמב"ם, ער זאָל קומען צו אַ געפעהרליכען חולה וועלכער געפינט זיך הינטער דער שטאָדט, און אַזוי שנעל ווי ער וועט אָנקומען איז דער פאַרלאָזענער געסעל, וועלען מיר שוין זעהן אז מען זאָל איהם באַפאַלען און טויטען, און דער קאַליף וועט מיינען אז רויבער זיינען איהם באַפאַלען און געטויטעט.

— דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן! — האָבען אַלע צוגעשטימט. — יעצט דאַרפען מיר אויסאַרבייטען אַלע איינצעלהייטען. מיר וועלען קריגען אַ פּאָר געזונטע יונגען, זיי גוט באַלוינען און זיי וועלען דעם מאָרד דורכפיהרען.

— מיר דאַרפען אָבער זעהן אז די וועלכע וועלען דורכפיהרען אונזערע שליחות זאָלען ניט זיין באַוואוסט אַלס אונזערע מענשען. אין פאַל אימיצער פאַלט דורך, זאָלען מיר זיין אויסער חשד! — האָט אבולאַפיא געזאָגט.

— איך ווייס פון אַזעלכע יונגען! — האָט אַ רופא זיך אָפּגערופען.

— זיי זיינען זעהר שטאַרק און וועלען מיט'ן רמב"ם פאַרטיג ווערען אין אַ קורצע צייט.

— טאָמער אָבער וועט דער רמב"ם אַוועקגעהן צום חולה אין באַגלייטונג פון אַ צווייטען? — האָט אימיצער געפרעגט.

— וועלען זיי בּיידען טויטען. מען וועט זיי באַרויבען, כדי עס זאָל אויסזעהן אז רויבער האָבען זיי באַפאַלען.

— מיר וועלען דארפען זעהן אז איין יונג זאָל אריבער געהן צום רמב"ם אין הויז און זיך מאַכען אז ער איז דער זוהן פון דער קראנקער, און ער וועט עס דעם רמב"ם דארפען אהין פיהרען.

די רופאים האָבען צווישען זיך אויסגעארבייט אַלע איינצעלהייטען. איינער פון זיי איז אוועקגעגאַנגען און זיך אין אַ ווייַלע אַרום צוריקגעקערט מיט דריי געזונטע יונגען.

— מיר קענען מיט זיי ריידען גאַנץ אָפען! — האָט דער רופא זיי געזאָגט — איך האָב שוין זיי ערקלערט דעם צוועק.

—גלויבט איהר אז איהר וועט קענען דורכפירען אייער אויפגאַבע?

— האָט אבולאפיא זיך געווענדעט צו די דריי יונגען.

— מיר האָבען שוין גענוג ערפארונג אין אַזעלכע זאַכען— האָט דער עלטסטער פון די יונגען אַ זאָג געטהאָן מיט אַ שמייכעל.

— איהר דארפט אָבער וויסען אז דער רמב"ם איז ניט קיין איינפאַכער מענש און דער קאַליף וועט געוויס לאָזען מאַכען אַן אויספאָרשונג ווענען זיין טויט. וועט איהר זיך דען וויסען ווי צו האַלטען, אַזוי, אז עס זאָל אויף קיינעם פון אייך קיין חשד ניט פאַלען?

— מיר וועלען וויסען!—האָבען זיי אַלע דריי מיט אַמאָל אויסגערופען.

— אויב אַזוי קענען מיר יעצט אויסארבייטען אַלע איינצעלהייטען — האָט אבולאפיא געזאָגט. — איינער פון אייך וועט אוועקגעהן צום רמב"ם אין הויז, אָנגעטאָן אין אָרימע, צוריסענע קליידער און מיט טרעהרען אין די אויגען איהם זאָגען, אז זיין ליעבער געטרייער פאָטער איז געפעהרליך קראַנק, און דער איינציגער וועלכער וועט איהם קענען העלפען, איז דער רמב"ם.

— דאָס וועל איך זיך אונטערנעמען — האָט דער אינגערער געזאָגט — איך וויים ווי אַזוי עס צו מאַכען. איך קען אפילו פארגיסען טרעהרען ווען עס וועט נויטיג זיין. אָבער פאַרוואָס זאָל איך אָנטהאָן צוריסענע קליידער?

— פאַרשטעהסטו מיך! — האָט אבולאפיא געזאָגט. — דער רמב"ם וועט גיכער געהן צו אַן אָרימען חולה, און דעריבער דאַרפסטו אויסקוקען זעהר אָרים. דו וועסט אַריבערגעהן צו איהם אין הויז און מיט טרעהרען אין די אויגען וועסטו איהם ערקלעהרען דיין גרויסען בראָך וועגען דיין פאָטער און דו וועסט איהם בעטען ער זאָל מיט דיר מיטגעהן צו דיין פאָטער אין הויז און דו וועסט איהם פארבייפיהרען יענעם פּלאַץ, וואו די צוויי אַנדערע יונגען וועלען ליגען באַהאַלטען און לויערען אויף איהם. ווען דו וועסט צוקומען גאַנץ נאָהענט צו דעם פּלאַץ, וועסטו זיי געבען אַ צייכען און דאַן וועלען זיי איהם באַפאַלען און דערשטעכען אויף טויט מיט זייערע שאַרפע מעסערס.

— און וואָס קריגען מיר פאַר אונזער ארבייט? — האָט דער עלטערער פון די יונגען געפרעגט אבולאַפיא'ן.

— איהר וועטקריגען יעצט צו פופציג שקלים יעדער, און ווען איהר וועט אונזער פּלאַן דורכפיהרען, וועט יעדער פון אייך קריגען צו הונ־דערט שקלים!

— דו מעגסט זיין זיכער אז מיר וועלן אלעס פינקטליך דורכפיהרען!
— האט דער יונג געזאגט — און ווען זאלען מיר דאס טאן?
— מארגען אין ווענד, ווען דער רמב"ם קעהרט זיך אום אהיים און נעהמט דאן אויף די חולים ביי זיך אין הויז. אויב דו וועסט וויסען ווי צו שפיעלען דיין רליע, וועסטו איהם קענען באוועגען ער זאל מיט דיר מיטגעהן.

אבולאפיא האט יעדען פון זיי געגעבען צו פופציג שקלים און ער האט מיט זיי אפגעמאכט, ווען און ווי אזוי זיי זאלען דורכפיהרען זיין פלאן.

— מארגען אין דער צייט, וועט שוין אייער שונא דער רמב"ם זיין טויט! — האט דער יונג א זאג געטהאן און אריינגעלעגט דאס געלט אין זיין קעשענע.

— און איך וועל שוין פאר אייך האבען צוגעגרייט די איבעריגע געלט! — האט אבולאפיא געזאגט.

---

אויף מארגען נאך מיטאג, דער רמב"ם האט זיך נארוואס געהאט אומגעקעהרט פון קאליף'ס פאלאץ, און ער הט געטראפען פיעלע פאציענטען ווארטענדיג אויף איהם. ער איז געווען זעהר מיעד און הונגעריג, און האט זיך דעריבער ענטשולדיגט פאר די חולים.

— איך וועל בלויז א ביס טהאן און איך וועל גלייך צו אייך אריינקומען — האט ער זיך אפגערופען צו זיי.

דער רמב"ם האט זיך ארומגעוואשען; שרה האט איהם דערלאנגט צום עסען און דער רמב"ם האט זיך זעהר געאיילט.

— דו ביזט דאך אזוי מיעד! — האט זיך שרה צו איהם אפגערופען.
— די חולים וועלען דיר מוחל זיין אויב דו וועסט זיך עטוואס פארזאמען.
— ניין, איך מוז גלייך צו זיי ארויסקומען! — האט דער רמב"ם געזאגט. — מיר שיינט אז היינט האב איך מעהר חולים ווי יעדען טאג.

דער רמב"ם איז פארטיג געווארען. ער האט ווידער ארומגעוואשען זיינע הענט און איז ארויס אין דעם ווארט־צימער וואו די חולים האבען געווארט יעדער אויף זיין רייהע.

— ווער פון אייך איז געקומען דער ערשטער? — האט דער רמב"ם זיך געווענדעט צו זיי.

א יונגער מאכמעדאנער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ. ער האט אויסגעקוקט געזונט און שטארק, זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען און פארשטויבט.

— איך בין דא דער ערשטער! — האט ער זיך פאר דעם רמב"ם פארנייגט.

דער רמב"ם האט אויף איהם א קוק געטהאן און מיט ערשטוינונג איהם געפרעגט:

— ביזטו דען קראנק?

— ניין, ניט איך בין קראנק, גנעדיגער דאקטאר! — האט דער יונג געענטפערט און טרעהרען האבען זיך אין זיינע אויגען באוויזען. — מיין ארימער פאטער איז זעהר, זעהר געפעהרליך קראנק. אה, דו מוזט איהם

העלפֿען! ער איז מיר זעהר טייער. ער איז אַלעס וואָס איך האָב אין מיין לעבען. אָה, איך בעט דיך!

— וואָס האָט מיט דיין פאָטער פּאַסירט? — האָט דער רמב"ם איהם געפרעגט.

— איך וויים ניט. ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען. מיר זיינען זעהר אָרים. איך בין געגאַנגען צו אַ רופא און איהם געבעטען ער זאָל קומען צו מיין פאָטער, האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט געלט. און ווען איך האָב איהם געזאָגט אַז איך האָב ניט קיין געלט, אַז מיר זיינען אָרים, האָט ער זיך ענטזאַגט צו געהן. און דאָ ליגט מיין פאָטער אין שרעקליכער היץ, און אויב דו וועסט ניט קומען איהם העלפען, וועט ער געוויס שטאַרבען.

—אָבער דו זעהסט דאָך אַליין, אַז פיעלע חולים וואַרטען אויף מיר..

— אָה, ווען איך וואָלט געקענט מיין פאָטער ברענגען צו דיר, וואָלט איך איהם אויף די פּלייצעס געטראָגען און אהער צו דיר געבראַכט. אָבער איך וויים, אַז ווען איך נעהם איהם אַרוים פון בעט, צו ברענגען איהם צו דיר, וואָלט ער געוויס אויפ'ן וועג געשטאָרבען.

דער רמב"ם האָט אַ ווײַלע באַטראַכט זיינע אַנדערע חולים און האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך וועל דאַרפען מיט איהם מיטגעהן. איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, אַז איהר אַלע וועלכע האָבען געקענט קומען צו מיר אין הויז, זייט ניט אַזוי געפעהרליך. אייך דראָהט ניט קיין געפאַהר, און איהר וועט קומען מאָרגען צו מיר, דערווייל איז אָבער מיין פליכט  צו ראַטעווען איינעם וועלכער שוועבט צווישען לעבען און טויט! איך האָף אַז איהר וועט אויף מיר קיין פאַריבעל ניט האָבען פאַר דעם. און אויב מיר וועט זיך איינגעבען צו ראַטעווען זיין פאָטער, וועט איהר אַלע האָבען אַ חלק אין דעם.

די חולים האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, אַלס צייכען אַז זיי שטי־מען צו, און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער.

— זאָלען אַללאה'ס ברכות רוהען אויף אייערע קעפּ! — האָט דער יונג זיך צו זיי אָפּגערופען, און זיי אַלעמען באַדאַנקט.

— זאָג מיר וואו געפינט זיך דיין פאָטער'ס הויז? — האָט איהם דער רמב"ם געפרעגט.

— אונזער אָרימע וואָהנונג געפינט זיך הינטער דער שטאָדט. אָבער איך וויים פון זעהר אַ קירצען וועג און עס וועט אונז לאַנג ניט דויערען. אָה, אַללאה, האַלט אויף מיין פאָטער'ס לעבען, ביז וואַנען דער ווירדיגער דאָקטאָר וועט אָנקומען און איהם העלפען!

— איך בין זעהר מיעד! — האָט דער רמב"ם געזאָגט — און כ'וועל מוזען נעהמען מיין אייזעל, כאָטש איך וויים אַז ווען איך געה צופוס, וועל איך קענען אָנקומען אהין גיכער. מיין אייזעל געהט זעהר לאַנגזאַם.

דער רמב"ם האָט אַרויסגעפיהרט זיין אייזעל פון שטאַהל. ער האָט מיטגענומען אַלע זיינע אינסטרומענטען מיט פאַרשידענע רפואות. ער איז אַריין אין דעם צימער וואו שרה איז געזעסען מיט איהר קינד, אברהם.

— איך מוז איצט געהן צו אַ געפעהרליכען חולה! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען — און אויב איך וועל זיך אומקעהרען שפּעט ביי־

נאכט, זאָלסטו ניט זיין באזאָרגט.

— פיליכט זאָל יוסף מיט דיר מיטגעהן! — האָט שרה איהם געפרעגט.

— ניין, עס איז ניט נויטיג. עס איז ניט זעהר ווייט, און פּאָרוואָס זאָל איך איהם מטריח זיין.

דער רמב״ם איז אַרויס אין דרויסען. דער יונג איז געשטאַנען נעבען אייזעל און ער האָט געהאָלפען דעם רמב״ם זיך אַרויפזעצען אויף זיין אייזעל. דער אייזעל איז לאַנגזאַם געגאַנגען און דער יונג איז נאָכגעגאַנגען ביי דער זייט פונ׳ם אייזעל.

---

אין אבולאפיא׳ס הויז זיינען געזעסען די דאָקטוירים אין זעהר אַ געהויבענער שטימונג. היינט אין אָווענד וועלען זיי פּטור ווערען פון זייער גרעסטען שונא. אַ „אומגליק״ וועט מיט איהם פּאַסירען. ער וועט געטויטעט ווערען פון רויבער און קיינער וועט זיי ני פאַרדעכטיגען.

— איך וואָלט שוין וועלען הערען די נייעס אַז דער שונא פון אַלע מאַכמעדאַנער איז געפונען געוואָרען אַ דערשטאָכענער! — האָט אבולאפיא זיך אָפּגערופען צו די איבעריגע.

— יע, דער טאָג וועט דאַרפען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ יום טוב פאַר אַלע מאַכמעדאנער. מיר וועלען באַדאַנקען אללאה׳ן און זיין נביא מאַכמעד, וואָס ער האָט אונז אויסגעלייזט פון דעם רמב״ם וועלכער וואָלט זיכער געבראכט אַ חורבן אויף אונזער פאָלק.

— איך בין זעהר אומגעדולדיג. איך וואָלט שוין וועלען וויסען וואָס ס׳האָט פּאַסירט! — האָט אבולאפיא געזאָגט — געוויס וועלען די יונגען גלייך אַנטלויפען און זיי וועלען ערשט קומען מאָרגען צו קריגען דאָס איבעריגע געלט און איך וועל קיין געדולד ניט האָבען צו וואַרטען ביז מאָרגען. איך וועל מוזען וויסען נאָך היינט ווי אַזוי זיי האָבען אונזער פּלאַן דורכגעפיהרט!

— אויב דו ווילסט לאָמיר ביידע אַוועקשפּאַצירען אַהין, ניט ווייט פון יענעם פּלאַץ און דאַן וועלען מיר גלייך אויסגעפינען! — האָט איין רופא געזאָגט צו איהם.

— ניין, ווען מיר וועלען שפּאַצירען צוזאַמען, וועט נאָך אויף אונז פאַלען אַ חשד אויב אימיצער וועט אונז דערזעהן — האָט אבולאפיא געזאָגט — איך גלויב אַז איך וועל אַהין גאַנץ אַליין אַוועקשפּאַצירען, איך וועל זיך דערנעהענדערען צו דעם פּלאַץ און פיליכט וועט אַללאַ מיר געבען די מעגליכקייט צוצוזעהען ווי מיין גרעסטער שונא, דער רמב״ם, וועמען איך האַס מעהר ווי דעם טויט, ליגט אַ טויטער, אַ דערשטאָכענער.

— גוט, מיר וועלען אויף דיר דאָ וואַרטען! — האָבען די איבעריגע איהם געזאָגט — מיר זיינען אַזוי נייגעריג ווי דו צו וויסען וועגען דעם רמב״ם׳ס טוידט.

— דאָך וואָלט איך דיר געראַטהען צו זיין זעהר פאָרזיכטיג און ניט צו קומען גאַנץ נאָהענט צו דעם רמב״ם׳ס קערפּער, ווייל פיליכט וועט דיר אימיצער באַמערקען און דאַן קען מען נאָך דיך פאַרדעכטיגען.

— איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען — האָט אבולאַפיא

געשמייכעלט — איך בעט אייך מיינע פריינד, פארהאלט מיך ניט. יעצט איז די צייט, וואס דער רמב"ם ווערט געפיהרט פון דעם יונג צו דער שחיטה, און איך וויל ניט פארלירען אזא פארגעניגען צו זעהן מיט מיינע אויגען זיין פארגאסען בלוט... עס פאנגט שוין אן צו ווערען טונקעל און אין דער פינסטער וועל איך ניט קענען זעהען.

אבולאפיא האט זיך איינגעהילט אין זיין אויבער מאנטעל און איז אוועק אין דער ריכטונג פון יענעם וועג, וואו דער יונג האט געזאלט פיהרען דעם רמב"ם.

---

לאנגזאם האט דער רמב"ם געריטען אויף זיין קליינעם אייזעל, דער יונג איז געגאנגען נעבען איהם, אט זיינען זיי שוין אנגעקומען אין דעם ענגען געסעל. דער יונג איז געווארען אומרוהיג. דער אייזעל שלעפט זיך און זיינע שותפים וועלכע ווארטען שוין באהאלטענערהייט א היבשע צייט, וועלען מיינען אז איהם איז ניט געלונגען איבערצורעדען דעם רמב"ם ער זאל מיט איהם מיטגעהן, וועלען זיי נאך אוועקגעהן.

— איז נאך זעהר ווייט צו דיין פאטער'ס הויז? — האט איהם דער רמב"ם געפרעגט, זעהענדיג ווי אומרוהיג דער יונג ווערט.

— ניין, עס איז שוין ניט ווייט, מיר וועלען זיך דארפען נעהמען נאך רעכטס און דאן איז דער וועג א גלייכער. מיין פאטער'ס הויז געפינט זיך צום סוף פון יענעם געסעל, דאס איז דאס איינציגע הויז וואס דארטען געפינט זיך. אבער איך בין זעהר אומרוהיג וועגען מיין פאטער. אויב מיין האר וואלט מיר ערלויבט וואלט איך געלאפען פאראויס צו זעהן ווי מיין פאטער פיהלט זיך און דאן וואלט איך ארויסגעקומען דיר אנטקעגען מיט לאמטערנע, וויל עס ווערט שוין טונקעל און איידער דו וועסט דערגרייכען דאס הויז וועט שוין געווים זיין פינסטער און איך וועל דיר דעם וועג באלייכטען.

— גוט, לויף שנעל צו זעהן וואס דיין פאטער מאכט! — האט דער רמב"ם איהם געזאגט — און אזוי לאנג ווי קיין אנדערע וועגען זיינען דא ניטא, וועל איך געווים ניט פארבלאנדזשען.

— איך דאנק דיר, מיין האר, איך וועל לויפען זעהר שנעל און זעהן וואס מיין פאטער טהוט. איך וועל איהם אנזאגען די פרעהליכע בשורה, אז דער גרעסטער דאקטאר פון מצרים קומט איהם היילען.

דער יונג האט גענומען לויפען מיט אלע זיינע כחות. ער האט געוואלט וואס שנעלער אנקומען צו דעם פלאץ, וואו די אנדערע צוויי יונגען ליגען באהאלטען און לויערען אויף דעם רמב"ם. ווען ער איז אריינגעקומען אין יענעם געסעל, האט ער נאך שנעלער גענומען לויפען ביז וואנען ער איז צוגעקומען צו דעם דיקען בוים הינטער וועלכען די צוויי יונגען זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן גראז מיט זייערע גרויסע מעסערס אין זייערע הענט, גרייט צו מאכען דעם איבערפאל און ארויפשפרינגען אויף דעם רמב"ם אזוי שנעל ווי ער וועט זיך דערנעהענטערען.

— אה, איהר זייט דא! — האט דער יונג זיך אפגערופען צו זיינע חברים, קוים אפכאפענדיג זיין אטהעם,

— וואו איז דער רמב"ם ? — האָבען ביידע מיט אמאָל אויסגערופען.

— ער קומט אין א קליינע ווײלע ! — האָט דער יונג זיך אָפּגערופען — איך האָב איהם אָנגעוויזען דעם וועג ווי אזוי צו געהן און איך האָב זיך געאיילט צו געהן צו אייך, ווייל דער אייזעל אויף וועלכען דער רמב"ם רייט שלעפּט זיך זעהר לאַנגזאַם, האָב איך איהם איבערגעלאָזט מיט אַן אויסרייד אַז איך וויל שנעל געהר אהיים צו מיין פאָטער צו זעהן וואָס ער מאַכט. באַלד, באַלד וועט ער אָנקומען לאָמיר אַלע זיין גרייט.

דער יונג האָט אויך זיין מעסער ארויסגענומען און האָט זיך צוזאַמען מיט די איבעריגע אוועקגעלעגט אויף'ן גראָז הינטער דעם בוים און געוואַרט. זייערע אויגען זיינען געווען געווענדעט צו דער ריכטונג פון וואַנען דער רמב"ם האָט געזאָלט אָנקומען.

---

דער רמב"ם האָט פאַרטגעזעצט צו רייטען אויף דעם וועג, און איידער ער איז צוגעקומען צו דער זייט פון געסעל וואו ער דאַרף זיך פאַרנעהמען רעכטס האָט ער פּלוצלונג באַמערקט אַז אַ קאַרעטע קומט אָן פון אַ צווייטער ריכטונג און שניידט איבער דעם וועג פאַר איהם.

דער רמב"ם האָט זיך אַ ווײלע אָפּגעשטעלט, און ווי גרויס איז זיין ערשטוינונג געוואָרען, ווען ער האָט באַמערקט אַז דאָס איז די קאַרעטע פון זיין פריינד, דעם גרויס וויזיר אַלפאַרדעל, וועלכער איז גראַדע געזעסען צוזאַמען מיט דעם טרייבער, און צוויי פון זיינע לייבוועכטער זיינען געזעסען פון הינטען, מיט בלויזע שווערדען.

— אַ גוטען אָוועגד צו דיר, מיין פריינד רמב"ם, — האָט אַלפאַרדעל איהם באַגריסט.

— פרידען צו דיר ! — האָט איהם דער רמב"ם געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

— וואוהין געהסטו עס יעצט אזוי שפּעט ? — האָט איהם אַלפאַרדעל געפרעגט.

— איך ווייס ניט ! — האָט דער רמב"ם געענטפערט.

— וואָס ?!... דו ווייסט ניט וואוהין דו געהסט ?! — האָט דער גרויס וויזיר אויסגערופען מיט צאָרן. אזוי ענטפערסטו מיר. אַרעסטירט איהם גלייך און פיהרט איהם אַוועק אין געפענגניס ! — האָט אַלפאַרדעל זיך גע־ווענדעט צו זיינע לייב וועכטער.

איידער דער רמב"ם האָט באַוויזען עפּעס אַרויסצורעדען און זיך צו פאַרענטפערען פאַר זיין אונדערטעניגע תשובה וואָס ער האָט דעם וויזיר געגעבען אויף זיין פראַגע, זיינען שוין די צוויי לייב וועכטער געשטאַנען נעבען איהם מיט זייערע בלויזע שווערדען.

— נעהמט איהם אַריין אין קאַרעטע ! — האָט דער גרויס וויזיר זיי באַפוילען און דער טרייבער וועט איהם צופיהרען צום געפענגניס אויף'ן וועג צוריק צו מיין פּאַלאַץ.

— איך בעט דיר, גנעדיגער וויזיר ! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגע־רופען אַ צושראָקענער — איך...

— איך וויל פון גאָר ניט וויסען ! — האָט דער וויזיר ניט אויסגע־

הערט צו שטורעמען — דו האסט מיך באליידיגט. איך האב דיר געפרעגט וואוהין דו געהסט און דיין ענטפער איז געווען: „איך וויים ניט!"

— מיין האר, איך האב...

— אומזיסט איז דיין ריידען, דו וועסט דיין שטראף באקומען, דאן וועסטו וויסען ווי אזוי צו זיין חוצפה'דיג צו דעם גרוים וויזיר און איהם צו געבען אזא תשובה!

די וועכטער האבען דעם רמב"ם אריינגענומען אין דער קארעטע. דער רמב"ם האט אין זיין האנט געהאלטען די שאכטעל מיט די רפואות און אינסטרומענטען.

— איך וויל דיר, גנעדיגער וויזיר... איך מוז געהן...

— מעהר וויל איך פון דיר ניט הערען! דו וועסט אפזיצען אין גע־פענגנים עטליכע טעג, דאן וועסטו זיך באזינען און דו וועסט זיין מעהר פארזיכטיג ווי אזוי צו ענטפערען דעם וויזיר!

אלפאדעל האט געהייסען דעם טרייבער זיך אומקעהרען צום געפענגנים.

— אבער מיין אייזעל! — האט דער רמב"ם אויסגערופען.

— ווילסטו אז איך זאל אויך דיין אייזעל אריינגעמען צו זיך אין קארעטע? דו וועסט פארלירען דיין אייזעל און אפזיצען אין געפענגנים וועסטו זיך דאן ארומזעהן אז דעם וויזיר דארף מען געבען א דייטליכע תשובה ווען ער פרעגט דיר א פראגע.

דער רמב"ם איז געזעסען אין דער קארעטע. ער איז געווען צוטומעלט און צושראקען און האט ניט געקענט באגרייפען וואס דא קומט פאר. דער וויזיר וועלכער איז געווען זיין בעסטער פריינד, זאל ווערען אזוי אויפ־געדעגט צוליעב אזא קלייניגקייט און זאל איהם לאזען פאר דעם ארעס־טירען... נאך אלעמען וואס האט ער דען, אזוי געזינדיגט געגען איהם. ער האט איהם געפרעגט „וואוהין ער געהט?" האט ער איהם דען ניט געגעבען די ריכטיגע תשובה אז ער וויים ניט! האט ער דען געוואוסט, אז ער וועט געהן אין געפענגנים? ווען דער וויזיר וואלט נאר ערלויבט צו רעדען, וואלט ער איהם ערקלעהרט, און ער וואלט זיך ארומגעזעהן, אז ער האט רעכט. קיין מענש וויים ניט וואוהין ער געהט. ווען ער וואלט איהם געפרעגט, וואוהין ער וויל געהן, אדער וואוהין ער האט בדעה צו געהן, וואלט דער איהם געענטפערט, אז ער האט בדעה צו געהן צו א קראנקען און איהם היילען. דא האט זיך דער רמב"ם דערמאהנט וועגען דעם קראנקען פאטער פון דעם יונג. ער וועט געווים ווארטען אויף איהם. און אויב ער וועט איהם ניט קומען צו הילף וועט ער נאך שטארבען.

דער רמב"ם האט זיך געגעבען א הויב און געמאכט נאך א פארזוך צו ריידען מיט דעם וויזיר. ער האט איהם געוואלט ערקלעהרען, אז א מענשענ'ס לעבען איז אין געפאהר, און ער מוז איהם געהר ראטעווען. אבער דער וויזיר האט איהם ניט געלאזט ריידען. ער האט א וואונק געטהאן צו די וועכטער אז זיי זאלען אכטונג געבען ער זאל זיך ניט אויפהויבען פון זיין פלאץ.

דער טרייבער האט שנעל געטריבען די קארעטע, און ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צום געפענגנים, האט אלפאדעל זיך אפגעשטעלט.

— פיהרט איהם אריין אין געפענגניס — האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיינע לייב וועכטער.

ווי זיינען ארויס מיט'ן רמב"ם פון קארעטע און ווען דער באַמטער פון געפענגניס האָט דערזעהן דעם וויזיר'ס קארעטע איז ער צו איהם צוגעגאַנגען און זיך פאַרנייגט.

— פאַרשפּאַר דעם רמב"ם אין דיין געפענגניס און האַלט איהם דאָרטען ביז וואַנען איך וועל דיר איהם הייסען באַפרייען! — האָט אַלפאַדעל באַפוילען דעם באַאַמטען.

דער רמב"ם איז ארויס פון דער קארעטע און אַ צוטומעלטער און דער־שראָקענער איז ער אריינגעבראַכט געוואָרען אין געפענגניס. פריהער האָט ער נאָך געהאָפּט, אַז דער וויזיר טרייבט שפּאַס און ער וויל איהם בלויז אָנשרעקען, יעצט אָבער אַז ער זעהט אַז מען האָט איהם ווירקליך אריינגע־בראַכט אין תפיסה, האָט ער שוין גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען... פאַרשיעדענע געדאַנקען האָבען זיך גענומען פּלאָנטערען אין זיין מוח... וואָס קען דאָס באַדייטען? איז מעגליך, אַז אימיצער האָט ווידער אויף איהם אַ בלבול געמאַכט, אָבער דער וויזיר, זיין בעסטער פריינד, האָט דאָך באַדאַרפט וויסען, אַז זיינע שונאים האָבען דעם בלבול אויסגעטראַכט. מעגליך, אַז ער איז געוועזן אין זעהר אַ שלעכטע שטימונג. אָבער פונדעסט־וועגען האָט ער איהם געדאַרפט געבען אַ געלעגענהייט צו ריידען און איהם ערקלעהרען.

דעם רמב"ם געדאַנקען זיינען יעצט געווענדעט צו זיין היים. וואָס וועט זיין ליעבע פרוי טראַכטען?.. זי וועט געוויס אויף איהם אָפּוואַרטען די גאַנצע נאַכט און ווען זי וועט זעהן, אַז ער קומט ניט וועט זי מיינען, אַז אַ גרויס אומגליק האָט מיט איהם פּאַסירט... אַלע אין הויז וועלען אריינ־געוואָרפען ווערען אין אַ גרויסע פּאַניקע. אמווייניגסטענס ווען זיי זאָלען וויסען, אַז ער לעבט און ער געפינט זיך אין געפענגניס, וואָלט עס זיי מעהר אָדער ווייניגער באַרוהיגט.

דער רמב"ם האָט געוואָלט בעטען דעם וויזיר ער זאָל איבערגעבען אַלמאַעלי'ן און שפרה'ן אַז ער געפינט זיך אין תפיסה און זיי וואָלטען שוין געוויס איבערגעגעבען שרה'ן, אָבער די קארעטע האָט זיך שוין געריהרט פון פּלאַץ און אַלפאַדעל איז אָפּגעפאָהרען פון דאָרט. ער האָט גענומען ווערען אומרוהיג. וואָס זאָל עס באַדייטען?... דער גוטהערציגער וויזיר וועלכער האָט איהם ניט לאַנג צוריק געראַטעוועט פון טויט, זאָל זיך פּלוצלונג אַזוי ענדערען און אויף איהם אויסגיסען זיין צאָרן צוליעב אַזאַ קלייניגקייט?

---

דער דאָקטאָר אבולאַפיאַ איז פּאַרזיכטיג געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט צו דעם פּלאַץ וואו עס האָט געזאָלט פאַרקומען דער איבערפאַל אויף דעם רמב"ם. ער האָט זיך ארומגעקוקט אויב אימיצער באַמערקט איהם און ווען ער האָט דאָרט קיינעם ניט געזעהן, איז ער געווען צופרידען. ער האָט זיך גענומען דערנעהענטערען צו יענעם איינזאַמען געסעל און אָנגעשטרענגט זיינע אויגען און אויערען. לויט דעם אָפּמאַך, וואָלט שוין דער רמב"ם דאָרט באַדאַרפט זיין. מעגליך, אַז די יונגען זיינען שוין איהם באַפאַלען און ער

מוז שוין זיין טוידט. א גרויס פרייד האָט איהם באנומען און ער האָט פארשנעלערט זיינע טריט. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט זעהן ווי דער רמב"ם קייקעלט זיך אין זיין בלוט. ער וואָלט מיט גרויס פארגעניגען צו־געהערט ווי ער קרעכצט פון יסורים איידער ער הויכט אויס זיין נשמה.

פלוצלונג האָט ער באַמערקט אַ קליינעם אייזעל, וואָס איז אַליין ארומגעגאנגען.

אבולאפיא איז צוגעגאנגען צום אייזעל און איהם באַטראַכט. איז דאָס מעגליך אז דאָס איז דעם רמב"ם'ס אייזעל? אויב אזוי מוז שוין דער רמב"ם זיין גאנץ נאָהענט און פיעלייכט איז צו שפּעט. ער האָט באשלאָסען אז ער וועט דעם אייזעל צופיהרען צו דעם פּלאַץ וואו דעם רמב"ם'ס קער־פּער געפינט זיך און דאָרטען וועט ער איהם צובינדען, זאָל מען איהם געפינען צוזאַמען מיט'ן אייזעל. ער האָט אָנגענומען דעם אייזעל פאר'ן צוים און איהם לאַנגזאַם געפיהרט.

דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלען. עס איז געוואָרען גאַנץ טונקעל און אבולאַפיא און דער אייזעל האָבען אויפגעהויבען דעם שטויב געהענדיג אויף דעם שטויבינגען וועג, און דאָס האָט נאָך געמאַכט נאָך טונקעלער דעם דרויסען, אזוי אז עס איז געווען אונמעגליך אימיצען צו דערקענען פון ווייטען.

---

די דריי יונגען זיינען געלעגען אין זייער באַהעלטעניש און מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן רמב"ם'ס אָנקומען.

— לויט דיינע רייד האָסטו דעם רמב"ם איבערגעלאָזט ניט ווייט פון דאַנען, טאָ ווי קומט עס אז עס נעהמט איהם אזוי לאַנג צו דערגרייכען אהער?

דער אייזעל, ווייזט אויס, איז זעהר מיעד און דעריבער שלעפּט ער זיך לאַנגזאַם — האָט דער יונג זיך אָפּגערופען — און מעגליך אַז זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוהען.

— פיליייכט האָט דער רמב"ם חרטה געקראָגען און זיך אומגעקעהרט.

— אָה, ניין דאָס וועט ער ניט טהאָן! איך האָב איהם געזאָגט אַז מיין פאָטער שוועבט צווישען טויט און לעבען, ער וועט געוויס באַלד אָנקומען.

— פונדעסטוועגען האָסטו געטהאָן אַ נארישקייט וואָס דו האָסט דעם רמב"ם איבערגעלאָזען אַליין. דו האָסט איהם שוין באַדאַרפט צופיהרען ביז אהער און דאַן וואָלטען מיר אויף איהם פּלוצלונג ארויפגעפאַלען און מיט אונזערע מעסערס איהם דערשטאָכען.

— איך האָב מורא געהאַט טאָמער האָט איהר מעהר קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען און איהר זייט פון דאַנען אַוועק, דאַן וואָס וואָלט איך געטהאָן מיט'ן רמב"ם? — האָט דער יונג געזאָגט — אָבער איהר דאַרפט ניט זיין באַזאָרגט, ער וועט באַלד אָנקומען און מיר דוכט זיך אַז איך זעה איהם שוין.

די אַנדערע צוויי יונגען האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ און געקוקט אין יענער ריכטונג.

— יע, איך באַמערקט אויך אַז עפּעס באַוועגט זיך!

לויט די שטויב וואָס איז אויפגעהויבען געוואָרען, קען מען זעהר אַז אימיצער קומט אָן אין אונזער ריכטונג מיט אַן אייזעל.

— דאָס איז דער רמב"ם! — האָט דער יונג מיט פרייד זיך אָפּגערופן,
— זייט גרייט!

די יונגען האָבן אַרויסגענומען די שאַרפע מעסערס פון אונטער זייערע קליידער און זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער שטעהענדיג מיט זייערע מעסערס אין די הענט.

עס איז געוואָרען גאַנץ טונקעל. די שטויב וואָס דער אייזעל האָט פאַר־אורזאַכט מיט זיינע פיס, האָט נאָך שווערער געמאַכט צו דערקענען אימי־צען. די יונגען האָבן בלויז באַמערקט אַז אַ מאַן קומט אָן פיהרענדיג אַן אייזעל ביי דעם צוים. עס איז ביי זיי קיין צווייפעל ניט געווען אַז דאָס איז דער רמב"ם, און ווי נאָר ער איז צוגעקומען נאָהענט צו דעם פּלאַץ פון זייער באַהעלטעניש, האָבן אַלע דריי געזונטע יונגען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם מיט זייערע מעסערס און איהם דערשטאָכען.

— איך בין אבולאפיא! — האָט ער נאָך באַוויזען אַרויסצוריידען און איז גלייך אומגעפאַלען אין אַ טייך בלוט.

די יונגען האָבן זיך גענומען אַרומקוקען און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען:

— וואָס האָבן מיר געטהאָן? מיר האָבן דערשטאָכען אונזער פריינד דעם דאָקטאָר אבולאפיא!

— יע, דאָס איז ער! — האָט דער צווייטער אויסגערופען — און ווענ־דענדיג זיך צו דעם דריטען יונג מיט צונויפגעדריקטע פויסטען — האָט ער מיט צאָרן אַ געשריי געטהאָן:

— דו האָסט אונז פאַרראַטהען. דער רמב"ם האָט דיך אונטערגעקויפט און דו האָסט שוין געזעהען אַז מיר זאָלען טויטען דעם דאָקטאָר אבולאפיא!

— ביי די באָרד פון מאַכמעד שווער איך אַז איך בין אומשולדיג, — האָט ער זיך גענומען ביי זיי בעטען — איך קען ניט פאַרשטעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך האָב איבערגעלאָזען דעם רמב"ם מיט זיין אייזעל, און ער האָט געדאַרפט דאָ אָנקומען. דאָס איז דעם רמב"ם'ס אייזעל. אָבער ווי אַזוי עס קומט אבולאפיא מיט אָט דעם דאָזיגען אייזעל, דאָס קען איך שוין ניט פאַרשטעהן.

— פיליייכט לעבט ער נאָך? — האָט זיך איין יונג אַריבערגעבויגען איבער אבולאפיא'ס צובלוטיגטען קערפּער.

די אַנדערע צוויי יונגען האָבן אויך אַזוי געטהאָן און באַלד האָבן זיי מיט אַמאָל אויסגערופען:

— וואָס איך קען ניט פאַרשטעהן, איז ווי קומט צו איהם דעם רמב"ם'ס אייזעל? — האָט דער יונג אויסגערופען, — מעגליך אַז אבולאפיא האָט דעם רמב"ם געטראָפען אין וועג. ער האָט איהם געטויטעט און צוגענומען זיין אייזעל און געקומען אונז אָנזאָגען אַז ער איז שוין מיט איהם פאַרטיג געוואָרען, איידער מיר האָבן באַוויזען איהם צו טויטען.

— דאָס איז גאַנץ מעגליך! — האָט דער צווייטער צוגעשטימט. — לאָמיר געהן אויפזוכען דעם רמב"ם'ס קערפּער און איהם אַוועקלייגען נעבען אבולאפיא, וועלען אַלע מיינען, אַז זיי האָבן ביידע געקעמפּט איינער מיט'ן צווייטען ביז זיי זיינען ביידע געפאַלען טויט.

— לאָמיר געהן שנעלער, איידער די נאַכט פאַלט צו.

די יונגען האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אויף צוריק, אויף דעם וועג פון וואַנען דער רמב"ם האָט געדאַרפט אָנקומען, זיי האָבען גוט אַרומגעזוכט און האָבען קיין שפּור ניט געפונען פון רמב"ם.

— מיר זיינען פאַרלאָרען! — האָט דער עלטערער פון די יונגען אויס־גערופען. ווען מען וועט אויסגעפינען אין שטאָדט אַז מיר האָבען ערמאָרדעט אבולאַפיאַ'ן וועט מען אונז אַלעמען הייגנען. לאָמיר אַנטלויפען וואָס שנע־לער פון דאַנען.

— אַנטלויפען? ניין! מיר וועלען דאַמיט זיך אַליין אַרויסגעבען. ווען די פריינד פון אבולאַפיא וועלען אויסגעפינען אַז ער איז טויט, און מיר זיינען אַנטלאָפען, וועלען זיי פאַרשטעהן אַז מיר האָבען אַ האַנט אין דעם. זיי וועלען נאָך אונז חושד זיין אַז מיר האָבען איהם פאַרראַטהען, און דאַן וועלען זיי אונז אַרומזוכען און געוויס וועלען זיי אונז געפינען.

— און וואָס קענען מיר טהאָן?

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט דער יונג וועלכער האָט געזאָלט פאַר־נאַרען דעם רמב"ם, זיך אָפּגערופען — אַזוי ווי מיר האָבען דעם רמב"ם'ס אייזעל, קענען מיר דעם אייזעל צובינדען נעבען אבולאַפיאַ'ס קערפּער, און מיר וועלען אַוועקגעהן צו אַבולאַפיאַ'ן אין הויז און מיר וועלען דערצעהלען זיינע פריינד, אַז אין דער צייט ווען מיר האָבען געוואַרט אויף דעם רמב"ם'ס אָנקומען, האָט זיך אַבולאַפיא מיט איהם באַגעגענט און אַ קריעג האָט צווישען זיי אויסגעבראָכען. מיר האָבען געהערט די קולות זיינען מיר אַרויס פון אונזער באַהעלטעניס און צוגעלאָפען זעהן וואָס דאָרט קום פאָר. האָבען מיר געזעהען ווי דער רמב"ם האָט איבערגעלאָזט זיין אייזעל און איז אַנטלאָפען געוואָרען און אבאַלופיא איז געלעגען אַ דערשטאָכענער אין מיטען וועג. מיר האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך זיך נאָכצויאָגען נאָכ'ן רמב"ם, אָבער ער איז פאַר־שוואונדען געוואָרען און צוליעב דער אָנקומענדער טונקעלהייט האָבען מיר ניט געקענט זעהן וואוהין ער איז אַנטלאָפען.

— עס איז ניט קיין שלעכטער איינפאַל! — האָט דער צווייטער יונג זיך אָפּגערופען — מיר האָבען אַ גוטען באַוויז. זיין אייזעל! יע, מיר וועלען קענען אַרויפוואַרפען די גאַנצע שולד אויף דעם רמב"ם און אונז וועט מען ניט באַשולדיגען.

— ווישט אָפּ אייערע מעסערס פון דעם בלוט און לאָמיר גלייך אַוועק־געהן צו אבולאַפיאַ'ן אין הויז.

די יונגען האָבען אַזוי געטהאָן. זיי האָבען אַרויסגעצויגען די מעסערס פון אבולאַפיאַ'ס קערפּער און זיי אָפּגעווישט.

— יעצט לאָמיר דעם קערפּער ברייננען אַ שטיקעל וועג צוריק, כדי מיר זאָלען זיי קענען איבערצייגען אַז אונזערע רייד זיינען ריכטיג.

זיי האָבען אויפגעהויבען דעם טויטען קערפּער פון אבולאַפיאַ'ן און איהם איבערגעטראָגען אַ שטיק וועג צוריק. דאָרטען האָבען זיי אויך צו־געבונדען דעם אייזעל צו אַ בוים און זיי זיינען אַוועק צו אבולאַפיאַ'ן אין הויז, וואו די אַנדערע דאָקטוירים, זיינע פריינד, האָבען שוין מיט גרויס

אומגעדולד געוואַרט אויף די נייעס אַז דער רמב"ם, זייער שונא, איז שוין טויט.

די יינגען זיינען צוגעקומען צו דער טיהר און געבליבען שטעהן פאַר אַ ווײַלע. באַלד האָט איינער פון זיי אָנגעקלאַפּט. די טיהר האָט זיך געעפענט און די דאָקטוירים האָבען אויסגערופען.

— האָט איהר אייער שליחות דורכגעפיהרט?

די יונגען האָבען געשוויגען.

— וואו איז אבולאַפיא? — האָט אַ דאָקטאָר אויסגערופען — האָט איהר איהם דען ניט געטראָפען אויפ'ן וועג?

—אָה, פאַרוואָס האָט איהר איהם געלאָזען געהן אַליין? — האָט דער עלטסטער פון די יונגען זיך אָפּגערופען — מיט אבולאַפיא'ן האָט אַן אומגליק פּאַסירט. דער רמב"ם האָט איהם אָנגעטראָפען אין וועג און ער האָט איהם ערמאָרדעט. מיר זיינען געלעגען אין אונזער באַהעלטענישׁ און געוואַרט אויפ'ן רמב"ם, וועלכער האָט געזאָלט אָנקומען. פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט געשרייען און ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען פון אונזער באַהעלטעניש און צוגעלאָפען צו דעם פּלאַץ, האָבען מיר געפונען אבולאַפיא'ן אין אַ טייך בלוט. מיר האָבען געזעהען ווי אַ מאַן איז אַנטלאָפען, און ווען מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט, האָבען מיר געזעהען דעם רמב"ם'ס אייזעל.

— אבולאַפיא איז טויט?! — האָבען זיי מיט אַמאָל אויסגעשריען.

— יע, דער רמב"ם האָט איהם ערמאָרדעט!

— זייט איהר זיכער אין דעם?

— מיר האָבען מיט אונזערע אויגען געזעהען זיין טויטען קערפּער און נעבען דעם קערפּער האָבען מיר געזעהען דעם רמב"ם'ס אייזעל!

— יע, איך האָב דעם אייזעל דערקענט, ער איז זיינער! איך האָב אַ ווײַלע פריהער געזעהען דעם רמב"ם רייטענדיג אויף איהם. — האָט דער יונג געזאָגט, — איך קען פאַרשטעהן ווי אַזוי אבולאַפיא איז אָנגעקומען.

— אבולאַפיא איז טויט! — האָבען די דאָקטורים אויסגערופען. — פאַרוואָס שווייגען מיר! מיר מוזען גלייך זעהן אַז דער רמב"ם זאָל פאַרהאַלטען ווערען פאַר דעם מאָרד!

— לאָמיר גלייך געהן צו דער פּאָליציי און מעלדען! — האָט אַ דאָקטאָר זיך אָפּגערופען.

-- און איהר וועט זיין די עדות!— האָט אַ צווייטער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען צו די יונגען — איהר וועט דערציילען אַז איהר זייט צופעליג אָנגעקומען אויף דעם פּלאַץ און איהר האָט באַמערקט ווי דער רמב"ם איז אַנטלאָפען געוואָרען.

— דאַן וועל איך דאַרפען אויסענבלייבען! — האָט דער יונג אַ זאָג געטהאָן, — ווייל איך בין געוועזען ביים רמב"ם אין הויז און דאָרטען האָבען מיך פיעלע מענשען געזעהען און זיי וועלען מיך דערקענען. זיי האָבען געהערט אַז איך האָב גערופען דעם רמב"ם צו קומען היילען מיין פאָטער, און דאַן וועלען די פּאָליציי מיר פאַרדעכטיגען.

— ער איז גערעכט, ער טאָר זיך ניט באַווייזען אַלס עדות. בלויז איהרביידע וועט מיט אונז מיטגעהן און מעלדען די פּאָליציי — האָט זיך

א דאָקטאָר געווענדעט צו די אַנדערע צוויי יונגען — איהר וועט אָבער דאַרפען זיין זעהר פּאָרזיכטיג און זיך ניט פּאַרפּלאָנטערען, און די פּאָליציי זאָל נאָכהער ניט אויסגעפינען אַז אַבולאַפיא האָט אייך געדונגען צו ער־מאָרדען דעם רמב"ם.

— ניט נאָר אַבולאַפיא, נאָר איהר אַלע צוזאַמען האָבען אונז געדונגען

— האָט אַ יונג אויסגערופען — ווי איך פאַרשטעה פון דיינע רייד, ווילסטו זיך אין גאַנצען ריינוואַשען פון דעם, ווייל איך אייך אַלעמען וואָרענען, אַז אויב מיר וועלען האָבען צרות פון דעם און איהר וועט זיך ניט אָנ־שטרענגען אונז עפּעס צו העלפען, וועלען מיר אייך אַלעמען ארויסגעבען. מיר וועלען אַלעם דערצעהלען!

— געוויס וועלען מיר אייך העלפען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען. וואָס זייט איהר שולדיג, אַז איהר זייט גראַדע אין יענער צייט פאַרבייגעגאַנגען יענעם פּלאַץ און דערזעהן אַבולאַדיאַ'ס טויטען קערפּער, און וואָס פאַר אַ בעסערען באַוויז דאַרף מען ווי דעם רמב"ם'ס אייזעל. די איינציגע זאַך וואָס מיר דאַרפען טהאָן איז צו זעהן, אַז דער רמב"ם זאָל זיך ניט צוריקקעהרען און אַוועקפיהרען דעם אייזעל פון דאָרט.

— לאָמיר שנעל אַהין אַוועקגעהן און טאַקע מיטנעהמען זיין אייזעל און ברייננגען אין פּאָליציי אַלס דעם ערשטען באַווייז פון זיין שולד, און איך זאָג אייך, אַז ניט נאָר וועלען מיר זיך נוקם אָן רמב"ם, נאָר אויך אָן זיין גאַנצער משפחה און אין אַלע זיינע פריינד, וועלכע זיינען געוועזן פאַרבונדען מיט איהם.

די דאָקטוירים און צוויי יונגען זיינען אַוועק צו דעם פּלאַץ, דער דריי־טער יונג איז פאַרבליבען אין אַבולאַפיא'ס הויז.

ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָדט, האָבען זיי אָנגע־צונדען זייערע פאַקעלען צו באַלייכטען דעם וועג. זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פּלאַץ און געזעהן דעם טוידטען קערפּער פון אַבולאַפיא.

— אונזער טייערער פריינד איז שוין מעהר ניטאָ! — האָבען די דאָקטוירים אויסגערופען — נקמה וועלען מיר נעהמען אָן רמב"ם, זיין מערדער!

— וואו איז דער אייזעל? — האָט אַ דאָקטאָר אַ פרעג געטהאָן די יונגען.

— אָט איז ער צוגעבונדען צום בוים — האָט יונג אָנגעוויזען אויף דעם אייזעל.

— לאָמיר איהם גלייך פיהרען צו דער פּאָליציי באַאַמטען! — האָט אַ דאָקטאָר געזאָגט.

זיי האָבען אָפּגעבונדען דעם אייזעל און איהם געפיהרט ביז צו דעם הויז פון דעם פּאָליציי באַאַמטען.

— מיר זיינען צו דיר געקומען באַריכטען וועגען אַ מאָרד! — האָט איינער פון די דאָקטורים זיך אָפּגערופען צו איהם.

— אַ מאָרד?! — האָט דער פּאָליציי באַאַמטער זיי געפרעגט — ווער איז דער ערמאָרדעטער?

— ניט קיין אנדערער ווי אונזער פריינד דאָקטאָר אבולאפיא! יע, מיר האָבען מיט אונזערע אויגען געזעהן זיין טויטען קערפּער, נאָכדעם ווי צוויי עדות זיינען געקומען אונז אָנזאָגען וועגען דעם.

— האָט איהר אַ פאַרדאַכט אויף אימיצען? — האָט דער פּאָליציי באַאַמטער זיי געפרעגט.

— יע, לויט די באַווייזען, איז ביי אונז קיין צווייפעל ניט, ווער עס איז דער מערדער, אָבער זאָלען די עדות ריידען, און דאַן וועט דוכט זיך ארונטער אַלע ספקות.

— וואָס ווייסט איהר וועגען אבולאפיא'ס מאָרד? — האָט ער זיך געווענדעט צו די יונגען.

— איין יונג האָט זיך אָפּגערופען:

— מיר זיינען געגאַנגען הינטער דער שטאָדט אין אָווענד פּלוצלונג האָבען מיר באַמערקט ווי אימיצער לויפט מיט אַלע זיינע כוחות. דאָס איז אונז געוועזען זעהר אויפפאַלענד און מיר האָבען זיך גוט נאָכגעקוקט און האָבען פון ווייטען דערקענט דעם רמב"ם, ווייל מיר האָבען איהם פריהער געהאַט עטליכע מאָל געזעהן. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט האָבען מיר דערזעהן אַ טויטען קערפּער, פון וואָס בלוט האָט גערונען. מיר האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און גענומען בעטראַכטען דעם קערפּער ביז וואַנען מיר האָבען איהם דערקענט אַלס דעם קערפּער פון דעם דאָקטאָר אבולאפיא. מיר האָבען אויך דערזעהן אַן אייזעל ניט ווייט פון דאָרטען. זיינען מיר גלייך אריבער צו אבולאפיא'ן אין הויז און מיר האָבען דאָרטען געטראָפען די אַנדערע דאָקטוירים און זיי אַלעס דערצעהלט. זיי זיינען אַוועק צו יענעם פּלאַץ און זיי האָבען זיך איבערצייגט.

— האָט איהר דעם קערפּער דערקענט? — האָט דער פּאָליציי באַאַמטער זיך געווענדעט צו די דאָקטוירים.

—יע, מיר האָבען איהם דערקענט. ער איז אונזער פריינד, דאָקטאָר אבולאפיא. מיר האָבען אויך געטראָפען דעם אייזעל און ווי אונז דוכט זיך איז עס דער אייזעל פון רמב"ם.

— אויב דער אייזעל באַלאַנגט צום רמב"ם וועט ער באַנוצט ווערען אַלס אַ וויכטיגער באַווייז אין זיין שולד! — האָט דער פּאָליציי באַאַמטער זיך אָפּגערופען — איך וועל גלייך שיקען פּאָליציי מיט אייך זיי זאָלען ברענגען דעם קערפּער פון אבולאפיא און אַליין וועל איך אַוועקגעהן צו דעם הויפּט פון דער פּאָליציי און איהם דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט, און פאַרגעשלאָגען מען זאָל דעם רמב"ם אַרעסטירען און פאַרהאַלטען אַלס דעם מערדער פון אבולאפיא, ווייל בלויז אויף זיין באַפעהל קאָן מען איהם אַרעסטירען.

דער פּאָליציי באַאַמטער איז אַוועקגעגאַנגען און איהם דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט איהם געצייגט דעם רמב"ם'ס אייזעל, וואָס מען האָט געפונען, און אַ ווייל שפּעטער האָבען די פּאָליציי באַאַמטע געבראַכט דעם טויטען קערפּער פון אבולאפיא.

— אויב עס זאָל זיך ארויסצייגען, אַז דער אייזעל באַלאַנגט צום רמב"ם, וועט עס זיין אַ שטאַרקער באַווייז אין זיין שולד — האָט דער

הויפט פון דער פּאָליציי אויסגערופען. דאַן וועל איך האָבען אַ רעכט איהם צו אַרעסטירען, און ניט דאַרפען קריגען די ערלויבעניש פון קאַליף דערצו. לאָמיר גלייך אַוועקגעהן צו איהם אין הויז.

דער הויפּט און דער באַאַמטער פון דער פּאָליציי זיינען אַוועק מיט דעם אייזעל צום רמב"ם'ס הויז.

---

עס איז שוין געוועזען שפּעט ביי נאַכט און שרה האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף איהר מאַנ'ס צוריקקעהר. זי האָט גענומען ווערען אומרוהיגער וואָס ער זאַמט זיך אַזוי לאַנג. איהר האָט פאַרדראָסען וואָס זי האָט איהם געלאָזען געהן אַליין.

רות און יוסף אבן עקנין האָבען איהר געטרייסט.

— געוויס איז דער חולה געווען געפעהרליך און דו ווייסט דאָך אַז ער וועט איהם ניט פאַרלאָזען ביז וואַנען ער וועט זעהן איהם באַזאָרגען מיט אַלע רפואות! — האָט רות זיך אָפּגערופען.

— איך וועל געהן איהם באַגעגענען! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען צו שרה'ן — איך ווייס אויף וועלכען וועג ער וועט זיך דאַרפען צוריקקעהרען, איך וועל איהם דאָרט טרעפען און מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צוזאַמען.

— גלויבסטו אַז עס איז פאַראַן אַ געפאַהר! — האָט שרה מיט שרעק זיך אָפּגערופען צו יוסף'ן.

— אָה, ניין, קיין געפאַהר איז ניטאָ! עס איז גאַנץ ווייט פון שטאָדט, אוּע די נאַכט איז אַ ליכטיגע, אָבער ווען איך וועל איהם באַגעגענען וועט זיין פרעהליכער צו געהן אַהיים.

יוסף האָט אויף זיך אַרויפגעטהאָן זיין לייכטען אויבער מאַנטעל און איז אַרויס באַגעגענען דעם רמב"ם.

אין אַ ווייל'ע אַרום האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיהר, שרה און רות זיינען געלאָפען עפענען די טיהר, און ווי דערשראָקען זיינען זיי געוואָרען ווען זיי האָבען דערזעהן דעם הויפּט פון דער פּאָליציי. שרה איז געוועזען טויט בלאַס.

— האָט עפּעס פּאַסירט? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— איז דער רמב"ם אין דערהיים? — האָט דער הויפּט פון דער פּאָליציי זי געפרעגט.

— ניין, ער האָט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט! — האָט שרה געענטפערט.

— און וואוהין איז ער געגאַנגען אַזוי שפּעט?

— מען האָט איהם גערופען צו אַ געפעהרליכען חולה, וועלכער וואָהנט הינטער דער שטאָדט, און איך ערוואַרט איהם צוריק יעדער רגע.

— איז ער אַהין געגאַנגען צו פוס? — האָט דער הויפּט זי געפרעגט.

— ניין, ער האָט געריטען אויף זיין אייזעל.

— קום אַרויס מיט מיר אין דרויסען! — האָט דער הויפּט געזאָגט.

— שרה האָט איהם נעפאָלגט און איז אַרויס אין דרויסען. איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפּען פון שרעק, וואָס זאָל דאָס באַדייטען? רות איז איהר נאָכגעגאַנגען.

— איז דאָס דיין מאַנ'ס אייזעל?

— יע, דאָס איז מיין מאַנ'ס אייזעל! — אָבער וואָס האָט פּאַסירט?

— האָט שרה אויסגערופען מיט ציטער אין איהר שטימע.

— איך האָב בלויז געוואָלט וויסען, אויב דו דערקענסט דעם אייזעל

— האָט דער הויפּט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָבער וואו איז מיין מאַן? — איז שוין שרה געוואָרען היסטעריש

—ווי קומט צו אייך זיין אייזעל?

— באַרוהיגט זיך — קיין שלעכטעס איז צו איהם ניט געשעהן, קיי־
נער האָט איהם ניט ערמאָרדעט — אָבער איך בין אהער געקומען צו אַרעס־
טירען דעם רמב"ם אַלס דעם מערדער פון דעם דאָקטאָר אבולאַפיא!

— וואָס?! — האָבען שרה און רות מיט אמאָל אויסגערופען.

— איך ווייס ניט אונטער וועלכע אומשטענדען דער מאָרד איז באַ־
גאַנגען געוואָרען, וואָס פאַר אַ מאָטיווען האָבען דיין מאַן געטריבען איהם
צו ערמאָרדען און אַנטלויפען. — מעגליך אַז ער איז געווען באַרעכטיגט צו
דעם מאָרד. — מעגליך אַז ער האָט דאָס געטהאָן אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג
— אָבער איין זאַך בין איך זיכער, אַז אבולאַפיא איז דערשטאָכען געוואָ־
רען פון דעם רמב"ם'ס הענט — אויף דעם האָבען מיר עדות. יע, צוויי
עדות, וועלכע האָבען געזעהן דעם רמב"ם אַנטלויפען פון יענעם פּלאַץ וואו
דער צעבלוטיגטער קערפּער פון אבולאַפיא איז געלעגען, און פון גרויס איי־
לעניש האָט ער איבערגעלאָזען זיין אייזעל.

— און יעצט, אַז דו אַליין דערקענסט דעם אייזעל, אַז עס איז דיין
מאַנ'ס, האָב איך קיין אנדער ברירה ניט ווי צו אַרעסטירען דעם רמב"ם
און שטעלען איהם אונטער דער קלאַגע פון מאָרד.

— איך וועל איבערלאָזען איינינגע פּאָליציי־לייט נעבען דיין הויז און
אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך צוריקקעהרען, וועלען זיי איהם אַרעסטירען.

— אָה, אַן אומגליק האָט פּאַסירט. — ווידער מאַכט מען אויף מיין
מאַן אַ שרעקליכען בלבול! — האָט שרה אויסגערופען.

רות האָט איהר אונטערגעהאַלטען זי זאָל ניט אומפאַלען און האָט
איהר גענומען באַרוהיגען.

— גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזען — האָט זי געזאָגט. — עס איז
דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס זיינע שונאים זוכען צו מאַכען אַ בלבול
אויף איהם. זיין אומשולד וועט גלייך באַווייזען ווערען און ווענדענדיג זיך
צום פּאָליציי באַאמטען האָט רות מיט ביטערקייט אין איהר שטימע
אויסגערופען:

— ווי אַזוי פאַלט דיר אַליין גאָר איין צו טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך?
דער רמב"ם איז אַזוי נאָבעל און איידעל, אין זיין גאַנצען לעבען האָט ער
די מענשען בלויז גוטעס געטהאָן. — ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט פאַר־
אורזאַכט קיין שמערצען. ווי אַזוי קענסטו קומען און זאָגען, אַז ער האָט
פאַרגאָסען בלוט? דער רמב"ם איז היינט אין אָווענט אהיים געקומען אַ
מיעדער פון אַ שווערען טאָג ארבייט, און ווען צו איהם איז צוגעקומען אַן
אָרימער יונג און געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז געפעהרליך קראַנק און ער
נויטיגט זיך אין דרינגענדע הילף, האָט דער רמב"ם, ניט קוקענדיג אויף

דעם וואָס ער איז געווען אויסגעמאַטערט, זיך א רגע ניט אָפּגערוהט און איז מיטגעגאַנגען מיט דעם יונג צו העלפען זיין פאָטער, טאָ ווי אַזוי קען דיר גאָר איינפאַלען אַזאַ זאַך?

— אויב דער רמב"ם איז שולדיג אין דעם מאָרד, אָדער אומשולדיג, איז ניט פאַר מיר צו אורטיילען — אויף דעם זיינען פאַראַן שופטים.

— אָבער ווען עס זיינען פאַראַהן צוויי עדות, וועלכע האָבען צוגעזעהן דעם מאָרד און די אומשטענדען באַווייזען אויך דאָס זעלבע, דאַן איז מיין פליכט איהם צו אַרעסטירען און ברענגען צו גערעכטיגקייט.

— איך און מיינע פאָליציי-לייט וועלען דאָ וואַרטען די גאַנצע נאַכט ביז וואַנען דיין מאַן וועט זיך אומקעהרען, און דאַן וועלען מיר איהם אַרעסטירען.

שרה איז געוואָרען צושראָקען און צוטומעלט. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טראַכטען. זי האָט ניט געקענט באַגרייפען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אין א פאָר שטונדען איז אָנגעקומען יוסף אבן עקנין. ער איז געווען ערשטוינט צו געפינען אַז דאָס הויז פון רמב"ם איז אַרומגערינגעלט מיט פאָליציי.

— וואו איז דער רמב"ם? — האָט איהם דער הויפּט פון דער פאָליציי געפרעגט.

— האָט ער זיך דען נאָך ניט צוריקגעקעהרט? — האָט יוסף מיט ערשטוינונג געפרעגט און איז שנעל אַריין אין הויז.

— וואָס באַדייט דאָס אַלעס? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט געזעהן אַז שרה וויינט און רות זיצט נעבען איהר און זוכט זי צו באַרוהיגען.

— האָסטו אויסגעפונען עפּעס וועגען מיין מאַן? — האָט שרה וויי־נענדיג איהם געפרעגט.

— ניין! איך בין געגאַנגען אויף יענעם וועג, וואוהין דער יונג האָט דעם רמב"ם געזאָלט פיהרען. — איך בין צוגעקומען צו דעם סוף פון יענעם וועג און איך האָב קיין איינציגע הויז דאָרט ניט באַמערקט. די נאַכט איז זעהר א ליכטיגע און איך האָב בלויז געזעהן גלייכע פעלד. — איך פאַר־דעכטיג אַז דער יונג האָט איהם געזוכט צו פאַרפיהרען. — אָבער וואָס באַ־דייט דאָס וואָס די פאָליציי היט אָפּ דאָס הויז?

רות האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם בלבול.

— לאָמיר שנעל אַרויס און זאָגען דער פאָליציי וועגען דיין פאַרדאַכט — האָט זי זיך אָפּגערופען — און מעגליך אַז אַנשטאָט צו וואַרטען דאָ, וועלען זיי אונז העלפען איהם אָפּזוכען.

יוסף אבן עקנין איז אַרויסגעקומען צו דעם הויפּט און האָט זיך אָפּגערופען:

— איך בין זיכער אַז דעם רמב"ם'ס שונאים האָבען ווידער געמאַכט א פאַרשווערונג געגען איהם און זיי האָבען איהם געוואָלט ערמאָרדען.

— עס איז גאַנץ מעגליך — האָט דער הויפּט געזאָגט. — אַז אבולאַפיא האָט געוואָלט איהם ערמאָרדען און דער רמב"ם האָט אין זעלבסט־פאַר־טיידיגונג איהם פריהער ערמאָרדעט. — אָבער ער איז דאָך פאַר'ן געריכט פאַררעכענט פאַר א מערדער ביז וואַנען די שופטים וועלען איהם ריינוואַשען

און דעריבער איז מיין פליכט איהם צו ארעסטירען.

— איך פארזיכער דיר, אז דער רמב"ם וועט קיין בלוט ניט פאר־גיסען — אפילו ווען זיין איינען לעבען וועט געדראָהט ווערען. — ער טראָגט קיין מאָל מיט זיך קיין געוועהר.

— אויב אזוי, טאָ וואָס באהאלט ער זיך אוים ? — האָט דער הויפט זיך אָפּגערופען — פארוואָס האָט ער מורא זיך אומצוקעהרען אהיים ?

— ניין ! ניט דער רמב"ם באהאלט זיך, אָבער עפּעס האָט פּאסירט מיט איהם. מעגליך אז זיינע שונאים האָבען איהם פארהאלטען און עס איז דעריבער דיין פליכט אלס הויפּט פון דער פּאָליציי איהם צו קומען צו הילף.

— עס קען זיין, אז דו ביזט גערעכט — האָט דער הויפּט געזאָגט.

— איך וועל צואווארטען ביז וואנען עס וועט ליכטיג ווערען און דאן וועל איך זעהן מאכען אן אויספאָרשונג. — ביז דאן וועט זיך געוויס דער קאליף פון דעם דערוויסען און ער וועט געוויס זעהן עפּעס צו טהאָן.

דער הויפּט האָט איבערגעלאָזען זיינע פּאָליציי לייט צו היטען דאָס הויז און אליין איז ער אוועק צו זיך אין הויז זיך אויסרוהען.

אזוי שנעל ווי עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, איז דער הויפּט ארויס־געקומען און האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביי איינינע פון די באאמטע אויב זיי האָבען עפּעס געהערט פון רמב"ם.

— דער רמב„ם זיצט אין תפיסה — האָט איהם א באאמטער געזאָגט.

— דער וויזיר אליין האָט איהם געבראכט צום געפענגנים און ער האָט אָנגעזאָגט די וועכטער, זיי זאָלען איהם דאָרטען פארהאלטען ביז וואנען ער וועט זיי זאָגען וואָס מיט איהם צו טהאָן.

— און ווען האָט ער איהם ארייננעזעצט אין תפיסה ? — האָט דער הויפּט איהם געפרעגט.

— נעכטען אין אָוונט. — מיר האָט דער וועכטער פון געפענגענים דערצעהלט, אז די קארעטע פון דעם גרויס וויזיר האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען תפיסה און אלפאדעל האָט איהם באפוילען איינצושפּארען דעם רמב"ם אין געפענגנים.

— אָה, האָט שוין דער וויזיר אויסגעפונען וועגען דעם מאָרד — האָט דער הויפּט אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע. — און זיי האָבען מיר געוואָלט מאכען צו גלויבען, אז דער רמב"ם איז אומשולדיג, פון די שטילע, נאָבעלע און גוטהערציגע מענשען דארף מען זיך גוט היטען.

ער איז גלייך אוועק צום רמב"ם'ס הויז וואו די פּאָליציי איז נאָך גע־שטאנען, אין דרויסען זיינען אויך געוועזען שרה, רות און יוסף.

— איהר האָט דאָ ניט וואָס צו שטעהן — האָט דער הויפּט זיך אָפּ־גערופען צו די פּאָליציי לייט.

— האָסטו עפּעס אויסגעפונען וועגען מיין מאן ? — איז שרה צו איהם שנעל צוגעגאנגען.

— געוויס האָב איך אויסגעפונען און לאָמיר דיר זאָגען, אז איך בין ניט געוועזען אויסען וועג, ווען איך האָב דיר געזאָגט וועגען מיין פארדאכט, אז דער רמב"ם איז שולדיג אין דעם מאָרד פון דעם דאָקטאָר אבולאפיא. דער גרויס וויזיר האָט עס גלייך אויסגעפונען און ער האָט געהייסען פאר־

שפּאַרען דעם רמב"ם אין געפענגניס — נאָך לעצטען אָווענד, גלייך ווי דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרען.

— מעגליך, אז דער רמב"ם האָט זיך פאַר איהם מודה געווען און ער האָט ערוואַרטעט, אז ער וועט איהם קומען צו הילף — אָבער דער גנע־דיגער וויזיר, ווילכער זוכט צו טהאָן גערעכטיגקייט, וועט ני דערלאָזען אז דיגער וויזיר, וועלכער זוכט צו טהאָן גערעכטיגקייט, וועט ניט דערלאָזען אז בעסטער פריינד.

דער הויפּט און די פּאָליציי זיינען אוועק. שרה איז געוואָרען נאָך מעהר היסטעריש און יוסף אבן עקנין האָט זי באַרוהיגט.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער לעבט! — האָט ער געזאָגט. — עס וועט ניט נעהמען לאַנג און זיין אומשולד וועט באַוויזען ווערען. איך בין זיך מודה אז מיין האַרץ האָט מיר שוין אויך גענומען שרעקען.

— איך האָב גענומען מורא האָבען, פיליייכט האָבען איהם זיינע שונאים שלעכטעס געטהאָן. עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אז דער יונג, וועלכער איז לעצטען אָווענד געקומען און אוועקגערופען דעם רמב"ם, איז געשיקט געוואָרען דורך זיינע שונאים. זיי האָבען איהם געוואָלט באַפאַלען און טויטען. און אפילו ווען דער רמב"ם זאָל האָבען אין זעלבסט פּאַרטיידיגונג געטויטעט אבולאַפיאַ'ן, וועט ער ריינגעוואַשען ווערען.. ווייל מיר וועלען קענען ערקלעהרען ווי אזוי זיינע שונאים האָבען אויף איהם די פאַרשווערונג געמאַכט.

— איך מוז גלייך אריבערגעהן צום ברודער — האָט שרה געזאָגט, — פון איהם וועל איך קענען אַלעס אויסגעפינען. — איך קען אָבער ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס ער אליין איז צו מיר ניט געקומען אָנזאָגען וועגען דער פאַסירונג. ער האָט דאָך באַדאַרפט וויסען ווי אומרוהיג און צושראָקען איך וועל זיין. — דו, רות, וועסט אכטונג געבען אויפ'ן קינד.

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן — האָט יוסף אבן עקנין געזאָגט — דו ביזט ניט אימשטאַנד צו געהן אליין, אזוי פריה, אין דער צייט ווען אַלע זיינען נאָך פאַרזונקען אין טיפען שלאָף.

שרה און יוסף זיינען שנעל אוועק צו אַלמאַעלי'ס הויז. אַלמאַעלי און שפרה זיינען נאָך געשלאָפען. ווען א שטאַרקער קלאַפּ אין טיהר האָט זיי אויפגעוועקט.

אַלמאַעלי האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שלאָף־ראָק און האָט אויפגעעפענט די טיהר.

— מיין שוועסטער? — האָט ער אויסגערופען מיט שרעק. — וואָס טהוסטו דאָ אזוי פריה? האָט עפּעס פּאַסירט?

— ווייסטו דען פון גאָרנישט — האָט שרה זיך פאַנאַנדערגעוויינט. באַלד איז שפרה אויך אַרויסגעקומען. שפרה האָט מיט שרעק געפרעגט:

— ווייסטו דען פון גאָרנישט? — דער וויזיר האָט לעצטען אָווענד געלאָזט אַרעסטירען דעם רמב"ם — האָט יוסף אבן עקנין געזאָגט. — מען האָט געפונען דעם דאָקטאָר אבולאַפיא אַן ערמאָרדעטען, און ווי איך פאַרשטעה פון די רייד פון דעם הויפּט פון דער פּאָליציי, האָט דער וויזיר איהם פאַרהאַלטען פאַר דעם מאָרד.

— עס איז אומגלויבליך! — האָט אלמאַעלי אויסגערופן. — ווי אַזוי איז דאָס מעגליך. אַלפאַדרעל איז אַזוי פריינדליך און איבערגעבן צום רמב"ם, אַזוי ווי ער וואָלט געווען זיין ברודער.

— פיליכט, וואָלסטו זיך גלייך אַריבערגעכאַפּט אין פּאַלאַץ פון וויזיר — האָט שרה איהם געזאָגט — און אויסגעפונען וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

— עס איז יעצט נאָך צו פריה צו געהן צום וויזיר — האָט אלמאַעלי געזאָגט. — איך וועל בעסער אריבערגעהן אין געפענגעניש. דער וועכטער וועט מיך צו איהם צולאָזען און איך וועל פון איהם אויסגעפינען, וואָס עס האָט פּאַסירט, פאַרוואָס אַלפאַדרעל האָט איהם געלאָזט אַרעסטירען

— לאָמיר אויך מיטגעהן — האָט שרה זיך גענומען בעטען.

— ניין! דו בלייב בעסער מיט שפרה'ן — האָט אלמאַעלי געזאָגט.

— איך און יוסף וועלען אריבערגעהן אַהין און פון איהם אויסגעפינען אַלעס.

אלמאַעלי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז מיט יוסף'ן אַוועק צום געפענגעניש.

דער וועכטער וועלכער האָט גאַנץ גוט געקענט אַלפאַדרעל'ס סעקרעטאַר האָט איהם צוגעלאָזען צוזאַמען מיט יוסף'ן. ער האָט פאַר זיי אָפּגעשלאָסען די טיהר פון קאַמער און זיי ביידע זיינען אַהין אריין.

— וואָס איז געשעהן? — האָט אלמאַעלי אויסגערופן, דערזעהענדיג ווי דער רמב"ם זיצט פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, שטאַרק באַזאָרגט.

— זאָג מיר, ווי קומסטו אַהער?

— דאָס איז פאַר מיר אויך אַ גרויסע רעטעניש — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — דער וויזיר האָט פּלוצלונג אויף מיר אויסגעגאָסען זיין צאָרן און מיך געלאָזט אַרעסטירען.

— אָבער ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? — האָט יוסף אבן עקנין איהם געפרעגט.

— איך האָב גערעדט אויף מיין אייזעל — האָט דער רמב"ם געענטפערט — צו געהן היילען דעם קראַנקען פּאַמער פון דעם יונג. וועלכער איז אַוועק פאַראויס צוצוגרייטען אַלעס. האָב איך צופעליג געטראָפען דעם וויזיר, וועלכער איז גראַדע אין יענעם פּלאַץ פאַרבייגעפאָהרען אויף אַ שפּאַציר. ער האָט זיך מיט מיר פריינדליך באַגריסט, און ער האָט מיך אַ פרעג געטהאָן וואוהין איך געה. איך האָב איהם געענטפערט — אויף שפּאַס לויט זיין פראַגע, „אַז איך ווייס ניט", — ווייל ווען ער וואָלט מיך געפרעגט וואוהין איך האָב בדעה צו געהן, וואָלט איך איהם געוויס געזאָגט. — אָבער אַז ער האָט מיך געפרעגט וואוהין איך געה — האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך ווייס ניט, ווייל קיין בשר ודם ווייס ניט וואוהין ער געהט. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט עס אָננעהמען פאַר אַ שפּאַס און וועט מיר געבען אַ געלעגענהייט איהם צו ערקלערען. — אָבער אנשטאַט דעם איז דער וויזיר זעהר אויפגערעגט און צאָרנדיג געוואָרען אויף מיר און, האָט באַפוילען זיינע באַאמטע, וועלכע זיינען מיט איהם מיטגעפאָהרען אין קאַרעטע מיך צו אַרעסטירען. — איך האָב געוואָלט איהם געבען אַן ערקלערונג, אָבער ער האָט מיך קיין וואָרט ניט געלאָזען אויסריידען. ער האָט מיר געזאָגט,

אז פאַר מיין חוצפה'דיגען ענטפער, וועל איך מוזען באַשטראָפט ווערען — און אַזוי האָבען מיך די באַאַמטע געצוואונגען אַרונטערצוציהען פון מיין אייזעל און אַריינזעצען זיך אין אַלפּאַדעל'ס קאַרעטע. מיין אייזעל איז געבליבען אין מיטען וועג און מיך האָט מען צוגעפיהרט צום געפענגניס וואו מען האָט מיך אויף דעם וויזיר'ס באַפעהל פאַרשפאַרט.

— איך קען ניט באַגרייפען פאַר וואָס דער וויזיר האָט דיך אַזוי באַ־האַנדעלט — האָט אַלמאַעלי געצויגען מיט זיינע שולטער. — ערשט מיט אַ טאָג צוריק, האָב איך אַליין געהערט ווי ער האָט דיך שטאַרק פאַרלויבט פאַר איינעם פון די הויכע באַאַמטע פון אַ צווייטען לאַנד. כ'האָב געהערט ווי ער האָט צו איהם געזאָגט, אַז מצרים איז גליקליך צו האָבען אַזאַ מאַן ווי דו און ווי שטאָלץ אַלע זיינען מיט דיר.

— פיליכט האָבען מיינע שונאים אַ צווייטען בלבול געמאַכט אויף מיר? — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען.

— עס ווייזט אויס אַזוי — האָט יוסף אבן עקנין זיך אָפּגערופען, — מען האָט געפונען דעם דאָקטאָר אבולאַפיא אַן ערמאָרדעטען און זיי זאָגען אַז דו האָסט איהם ערמאָרדעט.

אבולאַפיא איז ערמאָרדעט געוואָרען?! האָט דער רמב"ם אויסגע־רופען. — ווען, און וואו?

ער איז דערמאָרדעט געוואָרען לעצטען אָוונד, ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו דיין אייזעל האָט זיך געפונען. — יעצט זוכען זיי אויף דיר דעם בלבול אַרויפצוּוואַרפען.

— אָבער דער וויזיר האָט דאָך מיך געלאָזען אַרעסטירען פאַר...

— ווער ווייס אויב דאָס איז ניט געווען די אורזאַכע פון זיין צאָרן אויף דיר! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט. — אָבער דו דאַרפסט קיין זאָרג ניט האָבען, גערעכטיגקייט וועט געטהאָן ווערען, דיין אומשולד וועט קלאָר אַרויסגעבראַכט ווערען אויף דעם משפט.

— זאָג מיר, ווי פיהלט זיך שרה? — האָט דער רמב"ם געפרעגט.

— שרה איז יעצט מיט שפרה'ן — האָט אַלמאַעלי געענטפערט. — זי איז געווען זעהר צושראָקען, זי האָט געמיינט, אַז עפּעס שוידערליכעס האָט מיט דיר פּאַסירט, און יעצט אַז זי האָט אויסגעפונען, אַז דו לעבסט און דו ביזט אַרעסטירט, האָט זי זיך עטוואָס באַרוהיגט — ווי ווייט עס איז מעגליך אונטער די אומשטענדען.

— פאַר אַ ווייל'ע האָבען מיר געטראַכט, אַז דו האָסט זיך געטראָפען מיט אבולאַפיא'ן אין וועג און אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג האָסטו...

— אָה, ניין! איך האָב איהם ניט געטראָפען! — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — מיינע שונאים זוכען אויף מיר אַ בלבול צו מאַכען, און מעגליך, אַז טאַקע צוליעב דעם בלבול האָט מיך אַלפאַדעל געהייסען אַרעסטירען ניט וועלענדיג אָנגעבען די אורזאַכען פון דעם.

— איך וועל היינט אויסגעפינען פון דעם וויזיר — האָט אַלמאַעלי זיך אָפּגערופען. — איך וועל זעהן אין וואָס פאַר אַ שטימונג ער וועט זיין און דאַן וועל איך מיט איהם ריידען וועגען דעם.

— גיה שנעל אונבאַרוהיג שרה'ן — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען.

— זאָג איהר אַז זי זאָל גאָר קיין זאָרג ניט האָבען.

ווען יוסף און אַלמאַעלי האָבען פאַרלאָזען די תפיסה, האָט אַלמאַעלי

זיך אָפּגערופען:

— דו יוסף געה צו מיר אין הויז און באַרוהיג מיין שוועסטער און מיין פרוי. איך וועל אַריבערגעהן צו דעם וויזיר'ס פּאַלאַץ. פיליייכט איז ער שוין אויפגעשטאַנען פון זיין שלאָף און איך וועל מיט איהם ריידען.

אלמאַעלי איז אַוועק צו דעם פּאַלאַץ פון דעם וויזיר און ער האָט צו־געוואַרט אין פּאָדער־צימער. ווען אַלפאַדעל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט מען איהם אָנגעזאָגט אַז אלמאַעלי וואַרט. ער האָט איהם גלייך גע־הייסען אַריינקומען.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט קומען צו מיר — האָט אַלפאַ־דעל געשמייכעלט. — דו מוזט זיך געווים ־וואונדערען פאַרוואָס איך האָב געלאָזט אַרעסטירען דיין שוואָגער, דעם רמב"ם.

— יע, מיין האַר, איך קען שווערען אַז זיינע שונאים האָבען אויף איהם געמאַכט א בלבול — האָט אלמאַעלי זיך אָפּגערופען — דער רמב"ם וועט קיין מענשליך בלוט ניט פאַרגיסען, אפילו ווען זיין אייגען לעבען איז דראָהט און ער וואָלט געוועזן געצוואונגען עס צו טהאָן אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג.

— איך פאַרשטעה אָבער ניט וואָס דו רעדסט, וואָס פאַר א בלוט בלבול האָבען זיינע שונאים געמאַכט אויפ'ן רמב"ם?

— דעם בלבול אַז ער האָט ערמאָרדעט דעם דאָקטאָר אבולאפיא!

— וואָס?! דער דאָקטאָר אבולאפיא איז ערמאָרדעט געוואָרען? — האָט דער וויזיר אויסגערופען.

— ווייס דען דער וויזיר ניט פון דעם? — האָט אלמאַעלי איהם אָנגעקוקט.

— דאָס הער איך צום ערשטען מאָל פון דיין מויל! — ווען איז ער ערמאָרדעט געוואָרען, און וואו?

— אַרום יענעם פּאַלאַץ וואו דער רמב"ם האָט געריטען מיט דעם יונג צו היילען זיין פאָטער.

— וואָס פאַרס א יונג? — האָט אַלפאַדעל אויסגערופען.

— לעצטען אָוונד, ווען דער רמב"ם האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין אַרבייט אין פּאַלאַץ האָט זיך צווישען די חולים געפונען א יונג, וועלכער האָט מיט טרעהרען אין די אויגען ערקלעהרט דעם רמב"ם, אַז זיין פאָטער איז אין גרוים געפאַהר און ער מוז מיט איהם גלייך געהן ראַטעווען זיין קראַנקען פאָטער. דער רמב"ם האָט מיטגענומען די נויטיגע רפואות און האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין אייזעל און איז אַוועקגעריטען מיט'ן יונג. אויפ'ן וועג האָט דער יונג געזאָגט, אַז ער וועט לויפען פאָראויס און זעהן, אַז אַלעס זאָל זיין צוגעגרייט. דער רמב"ם האָט לאַנגזאַם געריטען אויף זיין אייזעל אין דער ריכטונג וואו דער יונג האָט איהם אָנגעצייגט, און דאַן איז דער גנעדיגער וויזיר אָנגעקומען און געלאָזען איהם אַרעסטירען.

— געלויבט איז אַללאה וואָס ער האָט מיר די מעגליכקייט געגעבען צו ראַטעווען דעם רמב"ם'ס לעבען — האָט דער וויזער אויסגערופען — און יעצט איז אויך געקומען דער סוף פון אַלע זיינע שונאים.

אלמאַעלי האָט איהם אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער ציעלט מיט זיינע רייד.

— זייט ניט באַזאָרגט — האָט אַלפאַדעל זיך אָפּגערופען — איך האָב

נעוואוסט וואס איך טהו. מאָרגען וועט פאָרקומען דער משפט איבער דעם רמב״ם און איך וועל זיין ווידער זיין פארטיידיגער. דיזען מאָל אָבער, ווע־לען אַלע זיינע שונאים קריגען זייער פארדינטע שטראָף.

— איך קען דיר יעצט גאָר קיין ערקלערונג ניט געבען. — איך וועל פריהער דאַרפען אויפזוכען דעם יונג און איך האָף, אז די וועלכע האָבען איהם געזעהן אין דעם רמב״ם׳ס הויז וועלען האָבען די מעגליכקייט איהם צו דערקענען.

— דערווייל קענסטו איבערגעבען דיין ששוועסטער אז זי האָט ניט וואס צו זאָרגען. זאָל זי און די איבעריגע וועלכע האָבען דעם יונג געזעהן, קומען צום משפט. — איך וועל גלייך אריבערגעהן צום קאַליף און איהם אַלעס ערקלערען און פארלאַנגען אַז ער זאָל מיר ערלויבען צו מאַכען אַן עפענט־ליכען משפט איבער דעם רמב״ם און דעריבער איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מאַכען אַ סוף צו זיינע שונאים, די נידעריגע ברואים, וועלכע האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, אום דורכצופיהרען זייערע גרויזאמע פּלענער.

* * *

דער וויזיר האָט מיט דער הילף פון זיין געטרייען דאָקטאָר אויסגעפונען וואו דער יונג, וועלכער האָט אוועקגערופען דעם רמב״ם צו היילען זיין פאָ־טער געפינט זיך, און ער האָט איהם גלייך געלאָזט ארעסטירען — אין געהיים, אז קיינער פון די דאָקטוירים זאָל ניט אויסגעפינען. אין דערזעלבער צייט האָט ער באקאַנט געמאַכט איבער דער גאַנצער שטאָדט אז דער דאָקטאָר אבולאַפּיא איז געפונען געוואָרען ערמאָרדעט און אז עס זיינען פאַראַן עדות, וועלכע זוכען צו וואַרפען די שולד אויף דעם רמב״ם און דערי־בער האָט דער קאַליף באַשטימט אַן עפענטליכען משפט איבער דעם רמב״ם.

די שטאָדט קאַירא האָט געקאָכט מיט די נייעס. אַלע האָבען גערעדט פון דעם, אז דער רמב״ם האָט ערמאָרדעט אבולאַפּיא׳ן ווײַל ווען ער האָט פאַר־רעכענט פאַר זיין שונא.

צווישען די דאָקטוירים, זיינע שונאים האָט געהערשט גרויס אויפ־רעגונג. זיי זיינען געווען צופרידען, וואס ענדליך, וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט צו עפענען דעם קאַליף׳ס אויגען, זאָל ער וויסען ווער דער רמב״ם איז. און פון דער צווייטער זייט האָבען זיי באדויערט דעם טויט פון זייער בעסטען פריינד.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך דער משפט אָנגעפאַנגען. דאָס געריכט הויז איז אָנגעפילט געוואָרען מיט פיעלע באאַמטע און אנדערע נייגעריגע וועלכע האָבען געוואָלט זעהן ווי מען משפט דעם רמב״ם.

די שטימונג איז געווען אַן אָנגעצויגענע. די אנוועזענדע האָבען מיט פאַרביטערונג גערעדט וועגען דעם מאָרד פון אבולאַפּיא און פיעלע האָבען צווישען זיך גערעדט וועגען נעהמען נקמה פון רמב״ם.

— אויב דער גרויס וויזיר האָט אַליין געהייסען ארעסטירען דעם רמב״ם איז אַ סימן אז ער איז זיכער אין זיין שולד, — האָט מען צווישען זיך גערעדט, — דעם לעצטען מאָל ווען ער האָט געוואוסט אז ער איז אונ־שולדיג האָט ער דאָך איהם אַליין פארטיידיגט.

— עס זיינען פאַראַן פיעלע באַווייזען וואס וועלען אַלעמען איבער־צייגען אז דער רמב״ם האָט דעם מאָרד באַגאַנגען!

— מעגליך אז ער האָט נאָך געהאַט אַרויסהעלפער !

— אויב דער רמב"ם וועט געפונען ווערן שולדיג וועלען מיר זיך דאַן נוקם זיין אין אַלע אידען פון מצרים ! — האָט אַ יונגער מאַכמעדאַנער זיך אָפּגערופען צו איינינגע וועלכע זיינען געזעסען נעבען איהם.

דער הויפּט פון די שופטים האָט באַפוילען אַלעמען צו זיין שטיל און דער משפט האָט זיך אָנגעפאַנגען.

דער קאַליף איז געזעסען אויף זיין פּלאַץ און ניט ווייט פון איהם איז געווען דער גרויס וויזיר.

דער שופט האָט פאָרגעלייענט דעם באַשולדיגונגס אַקט, און דאַן האָט ער גערופען עדות, און די אַלע באַשולדיגער.

די דאָקטוירים, די פריינד פון אבולאַפיא זיינען צוגעגאַנגען צום שופט און איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערופען :

מיר זיינען געקומען צו אונזער פריינד, דעם דאָקטאָר אבולאַפיא אין הויז, האָט מען אונז געזאָגט אַז ער איז אַוועק אויף אַ שפּאַציר, ווי ער פּלעגט עס טהאָן גאַנץ אָפט. מיר האָבען אויף איהם געוואַרט אַ היבשע ווייל ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט און פּלוצלונג זיינען אָנגעקומען צוויי יונגען און זיי האָבען אונז געמאָלדען, אַז אבולאַפיא איז געטויטעט געוואָרען און זיי האָבען געזעהן דעם רמב"ם אַנטלויפען פון דאָרטען.

דער שופט האָט צוגערופעןביידע יונגען און ער האָט זיך צו זיי געווענדעט :

— לויט אייערע רייד ווי איהר האָט דערצעהלט צו די דאָקטוירים זייט איהר זיכער אַז דער רמב"ם איז געווען אבולאַפיא'ס מערדער !

— געוויס זיינען מיר זיכער ! — האָט איין יונג געענטפערט — אַפילו ווען מיר וואָלטען דעם רמב"ם'ס אייזעל ניט געפונען אויף יענעם פּלאַץ, האָבען מיר אַליין מיט אונזערע אויגען געזעהן ווי דער רמב"ם אַנטלויפט. מיר האָבען בעת מעשה ניט פאַרדעכטיגט אַז ער האָט נאָר וואָס ערמאָרדעט אבולאַפיא'ן, און ווען מיר האָבען געפונען זיין טויטען קערפּער האָבען מיר פאַרשטאַנען אַז מיר האָבען געזעהען זיין מערדער אַנטלויפענדיג.

דער וויזיר האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אין גאַנצער געריכט'ס הויז איז געוואָרען אַ באַוועגונג, אַלע זיינען געווען זיכער אַז דער וויזיר וועלכער האָט אַליין דיזען מאָל פאַראורזאַכט דעם רמב"ם'ס אַרעסט וועט צוגעבען שטאַרקייט צו דער באַשולדיגונג.

— וועט דער ריכטער מיר ערלויבען צו שטעלען אַ פּאָר פראַגען די עדות ? — האָט אַלפאַדעל זיך אָפּגערופען.

— יע, גנעדיגער וויזיר ! — האָט דער שופט זיך אָפּגערופען — זאָל איך די עדות צושיקען צו דיר ?

— ניין, איך וועל צוגעהן צום געריכט'ס טיש ! — האָט אַלפאַדעל געענטפערט.

אַלפאַדעל איז צוגעגאַנגען און זיך געווענדעט צו די יונגען :

— זייט איהר בלויז צוויי געווען אויף יענעם פּלאַץ אין דער צייט ווען איהר האָט געזעהען דעם רמב"ם אַנטלויפענדיג ?

— יע, בלויז מיר ביידע ! — האָט איינער פון זיי געענטפערט.

— קיינער אויסער אונז ביידען איז דאָרט ניט געווען ! — האָט דער צווייטער יונג צוגעשטימט.

און איהרביידע האָט געזעהען ווי דער רמב"ם איז ארונטער פון אייזעל און האָטגענומען לויפען?

— יע, מיר ביידע האָבען עס געזעהען! ווי עס ווייזט אוים האָט דער רמב"ם אונז באמערקט אָנקומענדיג, האָט ער מורא געהאט אז מיט זיין אייזעל וועט איהם זיין שווער צו אנטלויפען, איז ער שנעל ארונטער און איז אנטלאָפען צו פוס!

דער וויזיר האָט געגעבען א וואונק צו א באאמטען און יענער איז ארוים אויף א ווילע און באלד צוריקגעקומען מיט דעם דריטען יונג, וועלכער איז געווען געקייטעלט.

— דערקענט איהר איהם? — האָט זיך אלפאדעל געווענדעט צו די צוויי יונגען.

— מיר האָבען איהם קיינמאָל ניט געזעהען און מיר ווייסען ניט ווער ער איז! — האָבען זיי געענטפערט.

— געפינט זיך דאָ אימיצער אין געריכטס הויז וועלכער האָט דעם דאָזיגען יונג געזעהען פריהער? — האָט זיך אלפאדעל געווענדעט צו אלע אנוועזענדע אין געריכט'ס הויז.

יוסף אבן עקנין האָט זיך אויפגעטעלט און איז צוגעקומען נאָהענט און זיך אָפגערופען אָנצייגענדיג אויף דעם יונג:

—איך האָב איהם מיט צוויי טעג צוריק געזעהען אין רמב"ם'ס הויז! ער איז געקומען און מיט טרעהרען אין זיינע אויגען געבעטען דעם רמב"ם ער זאָל מיט איהם מיטגעהן היילען זיין פאָטער!

— עס איז א ליגען! — האָט דער יונג אויסגעשריען — איך בין קיינמאָל ניט געווען אין רמב"ם'ס הויז!

— איז פילייכט פאראן נאָך אימיצער וועלכער וועט באשטעטיגען דיינע רייד? — האָט אלפאדעל זיך געווענדעט צו יוסף אבן עקנין.

— יע, איך האָב געבראכט די פאציענטען וועלכע האָבען געוואַרט אויף זייער רייהע געהיילט צו ווערען. דער יונג האָט פון זיי פארלאנגט זיי זאָלען ניט פארהאַלטען דעם רמב"ם, כדי ער זאָל קענען גלייך געהן מיט איהם היילען זיין פאָטער.

עטליכע חולים האָבען זיך מיט אמאָל אויפגעהויבען און זיי זיינען צוגעגאנגען און זיך גוט איינגעקוקט:

— יע, דאָס איז דער זעלבער יונג — האָבען אלע אָנגעוויזען אויף איהם מיט די פינגער.

— וואָס וועסטו יעצט זאָגען? — האָט דער וויזיר זיך צו איהם געווענדעט.

— המ... איך... ער...

— דיינע חברים זאָגען אז דו האָסט אליין ערמאָרדעט אבולאפיא'ן! — האָט אלפאדעל זיך אָפגערופען.

— זיי זיינען ליגנער און פאררעטער! — האָט זיך דער יונג צושריען דריקענדיג זיין פויסט, — זיי זיינען אזוי שולדיג אין זיין טויט ווי איך!

— ווענען מיינסטו עס? — האָט אלפאדעל איהם געפרעגט.

— איך מיין זיי! — האָט דער יונג אָנגעוויזען אויף די צוויי אנדערע יונגען.

— און איהר זאָגט נאָך אלץ אז איהר קענט איהם ניט! — האָט

אלפאדעל זיך געווענדעט צו די יונגען.

— ער איז א שווינדלער! מיר קענען איהם ניט! — האבען ביידע יונגען מיט אמאל אויסגערופען.

איך וועל אייך צייגען ווי אזוי ארויפצואווארפען די גאנצע שולד אויף מיר! — האט דער יונג געשטורעמט — זיי האבען א גלייכען חלק אין אבולאפיא'ס אויט ווי איך!

— זאג מיר פארוואס האסטו ערמארדעט אבולאפיא'ן? איז ער געווען דיין שונא?

— אה, ניין. ער איז געווען אונזער פריינד! אבער מיר האבען געמאכט א טעות.

— איהר האט געמיינט אז דער רמב״ם קומט אן?

— יע, דאס איז ריכטיג. עס איז געווען טונקעל און מיר האבען געזעהען ווי אימיצער קומט אן מיט אן אייזעל, זיינען מיר געווען זיכער אז דאס איז דער רמב״ם, דאן זיינען מיר אלע דריי ארויסגעלאפען פון אונזערע באהעלטענים און איהם מיט אונזערע מעסערס דערשטאכען און ווען מיר האבען זיך ארומגעקוקט האבען מיר געזעהן אונזער טעות און מיר האבען זיך שוין גארניט געקענט העלפען. עס איז שוין געווען שפעט!

— און פארוואס האסטו געוואלט פארנארען דעם רמב״ם צו דעם פלאץ וואו דייע יונגען זיינען געווען און איהם טויטען? האט ער דיר שלעכטעס געטהאן?

— ניין, ער האט מיר קיין שלעכטעס ניט געטהאן, אבער אבולאפיא און די אנדערע דאקטוירים האבען אונז געדונגען מיר זאלען דעם רמב״ם ערמארדען!

— ער איז פון זינען געריהרט! מיר ווייסען ניט פון וואס צו זאגען!

— האבען די דאקטוירים מיט אמאל אויסגערופען.

— איך האב אייך געווארענט אז אויב איהר וועט אויף מיר ווארפען די שולד, וועל איך דערצעהלען דעם גאנצען אמת! — האט דער יונג אויסגערופען — יע, זיי האבען אונז נאך געגעבען עטוואס געלד פאראויס און ווען מיר וועלען זיי קומען אנזאגען אז מיר האבען דעם רמב״ם ערמארדעט, וועלען זיי אונז געבען דאס איבעריגע!

— אבער ווירדיגער וויזיר, — ווי קומט עס אז דו האסט אליין געהייסען ארעסטירען דעם רמב״ם? — האט דער הויפט פון די שופטים זיך געווענדעט צו אלפאדעל.

— יעצט וועל איך פאר אלעמען דערצעהלען וואס איך ווייס פון דעם!

— האט דער גרויס וויזיר זיך אפגערופען — איינער פון מיינע פריינד האט מיר געלאזט וויסען אז אבולאפיא און זיינע פריינד די דאקטוירים פלאנעווען צו ערמארדען דעם רמב״ם. ער האט מיר אויך געזאגט אז זיי האבען געדונגען דריי יונגען, זיי זאלען אפטאן די ארבייט. איין יונג האט אין א געוויסען אווענד באדארפט פארנארען דעם רמב״ם מיט אן אויסרייד אז זיין פאטער איז געפעהרליך קראנק, צו א געוויסען פלאץ און דאן האבען די יונגען באדארפט איהם באפאלען און טויטען. איך האב אויסגעפונען גענוי דעם פלאץ וואו זייער מארד פלאן האט געזאלט דורכגעפיהרט ווערען. איך האב געהייסען שפאנען מיין קארעטע און מיט זיך גענומען איינינגע באאמטע און מיר זיינען צוגעפאהרען צו יענעם פלאץ. אין א זייטיגען געסעל

האָבען מיר אָפּגעוואַרט און פון ווייטען האָבען מיר דערזעהען ווי דער רמב"ם רייט אויף זיין אייזעל און אַ יונג איז אַוועקגעגאַנגען פאָראויס מיט שנעלע טריט. ווען דער רמב"ם האָט זיך מיט זיין אייזעל גענומען דערנעהענטערען צו אונז, האָב איך געהייסען דער טרייבער צו פאָהרען איהם אַנטקעגען. מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט און זיך באַגריסט. איך האָב ניט געוואָלט אַז מיינע באַאַמטע זאָלען וויסען אַז איך בין געקומען דעם רמב"ם וואָרענען וועגען דער געפאַהר. האָב איך געזוכט אַן אורזאַכע וואָס זאָל מיר געבען רעכט צו ווערען אויף איהם אין כעס. איך האָב איהם געפרעגט וואוהין ער געהט, האָט ער מיר געענטפערט אַז ער ווייסט ניט! האָב איך זיך געמאַכט ווי איך בין אויף איהם אין כעס געוואָרען און באַפוילען איהם צו אַרעסטירען. ער האָט צו מיר געוואָלט ריידען און מיר ערקלעהרען, אָבער איך האָב פון גאָר ניט געוואָלט וויסען. איך האָב איהם געהייסען אַריינזעצען אין תפיסה. איך האָב זיך געטראַכט זאָל דער רמב"ם בעסער צייטוויילינג האָבען אַ שלעכטע מיינונג וועגען מיר, איידער ער זאָל פאַרלירען באַשטראָפען די אַלע שולדיגע, און ווי עס ווייזט אויס האָט שוין אַללאַה זיין לעבען. איך האָב אויך באַשלאָסען צו מאַכען אַן אויספאָרשונג און צו אַליין באַשטראָפּט דעם הויפּט שולדיגען. ער האָט געבראָבען אַ גרוב פאַר דעם רמב"ם און איז אַליין אַהין אַריינגעפאַלען. ער האָט געוואָלט מיט זיינע אויגען זעהן ווי דער רמב"ם איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, האָט ער אַוועקגעשפּאַצירט צו יענעם פּלאַץ, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זעהענדיג דעם אייזעל געמיינט אַז דער רמב"ם איז טויט, האָט ער איהם גענומען צופיהרען צו דעם פּלאַץ וואו די יונגען זיינען געלעגען בטהאַלטען, וואַרטענדיג אַז דער רמב"ם זאָל אָנקומען, און ווען ער האָט זיך דערנעהענטערט האָבען די יונגען אין דער טונקעלהייט געמאַכט אַ טעות, זיי האָבען געמיינט אַז דאָס איז דער רמב"ם און זיי זיינען איהם באַפאַלען און דערשטאָכען.

— מיר ווייסען ניט פון וואָס צו זאָגען! — האָבען די דאָקטוירים אויסגערופען — מיר האָבען קיינמאָל דיזען יונג ניט געזעהען און געוויס ניט געפּלאַנעוועט דעם רמב"ם׳ס מאָרד. אויב אבולאַפיא האָט עס געפּלאַנט, האָט ער עס געטהאָן אָהן אונזער וויסען!

— איהר זייט ליגנער! — האָט דער יונג אויסגעשריען — איהר זייט געווען דערביי ווען אבולאַפיא האָט אונז געגעבען דאָס געלט און צוזאַמען מיט איהם האָט איהר אונז אָנגעזאָגט ווי אַזוי צו פאַרנאַרען דעם רמב"ם.

— אויב די יונגען זיינען באַגאַנגען דעם מאָרד אויף אבולאַפיא׳ן האָבען מיר גאָר ניט געהאַט מיט דעם וואָס צו טהאָן! — האָט איינער פון די דאָקטוירים זיך אָפּגערופען. — די יונגען זיינען געקומען און זיי האָבען אונז דערצעהלט אַז זיי האָבען געפונען אבולאַפיא׳ס קערפּער און זיי האָבען געזעהען ווי דער רמב"ם איז אַנטלאָפען געוואָרען, און דאַריבער האָבען מיר געבראַכט די אָנקלאַגע געגען רמב"ם. ווען מיר וואָלטען געוואוסט אַז די יונגען האָבען דעם מאָרד באַגאַנגען וואָלטען מיר קיינמאָל ניט געזוכט צו באַשולדיגען דעם רמב"ם אין דעם!

— ווילט איהר זיך אין גאַנצען ריישוואַשען און אַרויפוואַרפען די שולד אויף אונז? — האָט זיך אַ יונג צושריען. — איהר זייט אַלע שווינדלער! מיר שווערען ביי אַללאַה אַז זיי האָבען אונז געדונגען צו באַגעהן דעם מאָרד.

— מיר זיינען פארלאָרען! — האָט איין דאָקטאָר זיך שטילערהייט אָפּגערופן צו זיינע פריינד. — לאָמיר פון דאַנען ארויסגעהן און אנטלויפן.

די דאָקטוירים האָבען זיך אויפגעהויבען און גענומען אוועקשארען זיך, אָבער יוסף אבן עקנין האָט עס באמערקט און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ אויסרופענדיג:

— האָבען זיי דאָס רעכט צו פאַרלאָזען יעצט דאָס געריכט'ס הויז?

— זאָלען זיי פאַרהאַלטען ווערען! — האָט דער הויפּט שופט באפוילען. גלייך זיינען צוגעקומען צו זיי איניגע באַאַמטע און זיי ארעסטירט.

דער הויפּט פון די שופטים האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט צום רמב"ם.

צוויי מאָל האָבען דיינע שונאים געזוכט דיך אומצוברייגען דורך א בלבול און אללאה האָט דיר געהאָלפען און דער אמת איז ארויסגעקומען. איך בין זעהר צופרידען אז אַלע איינוואָהנער פון אונזער לאַנד וועלען זיין איבערצייגט אין דיין עהרליכקייט און אין די גרויסע נוצען וואָס דו האָסט פאַר אונז אַלעמען געבראַכט. איך האָב אַז דו וועסט אונז אַלעמען מוחל זיין פאַר די פיעלע אונאַנגענעהמליכקייטען וואָס מיר האָבען די פאַראורזאַכט.

דער רמב"ם האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך געווענדעט צום וויזיר.

— כ'האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקען מיין דאַנקבאַרקייט צו דיר, גנעדיגער וויזיר, דו האָסט מיין לעבען גערעטעט. מיר איז ניט איינגעפאַלען אַז מיינע שונאים האָבען פאַר מיר א נעץ פאַרשפּרייט.

— ניט איך האָב דעם דאַנק פאַרדינט נאָר איינע פון די דאָקטוירים!

— האָט אלפאדעל זיך אָפּגערופען, אָנצייגענדיג אויף איינעם פון די דאָקטוירים וועלכער איז פאַרהאַלטען געוואָרען צוזאַמען מיט די איבעריגע — ער האָט מיר געלאָזט וויסען וועגען דעם מאָרד פּלאַן און וועגען זייער פאַרשווערונג. און ווען ניט ער וואָלט איך ניט געהאַט די מעגליכקייט דיר צו רעטען. יע, די אַלע זיינען שולדיג אין דער פאַרשווערונג אויסער איהם!

— האָט דער וויזיר זיך אָפּגערופען צו די בעאַמטע אָנצייגענדיג מיט זיין פינגער אויף איהם.

די באַאַמטע האָבען אָפּגעלאָזען דעם דאָקטאָר.

— פאַררעטהער! — האָבען די אַנדערע דאָקטוירים ארויסגעברומט.

— ניט ער איז דער פאַררעטהער! נאָר איהר! — האָט דער וויזיר אויסגערופען — ער האָט געטהאָן זיין פליכט. ער האָט געוואָלט פאַרמיידען בלוט פאַרגיסונג פון אַן אומשולדיגען מאַן אויף וועמען מיר אַלע זיינען אַזוי שטאָלץ. איהר אָבער האָט דורך אייער בלוטדורשטיגקייט געוואָלט אומברייגען אַ מאַן וועלכער האָט געבראַכט מעהר נוצען צו אונזער פאָטערלאַנד, ווי אירגענד וועלכער אַנדער מאַן, און דעריבער זייט איהר פאַררעטהער, און איהר וועט באַשטראָפט ווערען פאַר אייער פאַרברעכען.

דער וויזיר האָט געהייסען די דאָקטורים פאַרשפּאַרען אין געפענגענים.

נאָכדעם ווי דער קאַליף האָט באַגריסט דעם וויזיר פאַר זיין קלוגשאַפט, האָט ער זיך אָפּגערופען צום רמב"ם.

— ווי אַזוי איז דיר נאָר איינגעפאַלען צו געבען אַזאַ תשובה דעם וויזיר, ווען ער האָט דיך געפרעגט וואוהין דו געהסט?

— איך האָב איהם געגעבען די ריכטיגע תשובה, — האָט דער רמב"ם

גענטפערט. — האָב איך דען דאָן געוואוסט אַז איך וועל לאַנדען אין תפיסה?

דער קאַליף און וויזיר האָבען זיך הארציג פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איך האָב אַז דאָס וועט זיין דאָס לעצטע מאָל וואָס דיינע שונאים וועלען מאַכען אַ פאַרזוך דיר שלעכטעס צו טהאָן! — האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען.

יוסף אבן עקנין איז צוגעגאַנגען צום רמב"ם און איהם געזאָגט אַז זיין פרוי און זיין שוועסטער שפרה וואַרטען אין דרויסען.

— געה בעסער גלייך אַרויס צו זיין און דערפרעה זייערע הערצער! — האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען צום רמב"ם דריקענדיג זיין האַנט. — אין מיין פּאַלאַץ זיינען אַלע היינט געזונט און דעריבער וועסטו דעם גאַנצען טאָג קענען פאַרברייינגען מיט דיינע אייגענע.

— איך דאַנק דיר גנעדיגער קאַליף! — האָט זיך דער רמב"ם פאַר־ניייגט און איז אַרויס צו זיין פרוי און שוועסטער.

* * *

ניט נאָר די אידען פון קאַירא האָבען זיך געפרעהט אויף דער מפּלה פון דעם רמב"ם'ס שונאים, נאָר אויך די מאַכמעדאַנער, ווייל דער רמב"ם איז ביי אַלעמען געווען שטאַרק באַליבט, געשעצט און געאַכטעט, און זיי האָבען געוואוסט, אַז זיינע שונאים זיינען איהם מקנא און זוכען צו שע־דיגען איהם.

גרויס איז געווען די שמחה אין רמב"ם'ס הויז. מען האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָלצייט, וואו אַלע פריינד פון רמב"ם זיינען איינגעלאַדען געוואָרען.

אלמאַעלי האָט אויפגעהויבען זיין כוס און אויסגערופען:

— איך טרינק פאַר דעם געזונט פון מיין טאָפּעלטען שוואָגער, דעם רמב"ם און מיין שוועסטער שרה און פאַר זייער ליבען זוהן אברהם. זאָל גאָט געבען, אַז ער זאָל געהן אין די פוס־טריט פון זיין פאָטער און פאַרט־זעצען צו ברענגען ליכט פאַר אונזער פאָלק, וואָס איז צוזייט און צושפּרייט צווישען די פעלקער, אַזוי ווי זיין פאָטער טוט. און יעצט, מיינע טייערע, — האָט אלמאַעלי אויפגעהויבען זיין כוס נאָך העכער און זיך געווענדעט אין דער ריכטונג וואו יוסף אבן עקנין און רות זיינען געזעסען, — איך טרינק פאַר דעם געזונט פון דער צוקונפטיגער גליקליכער פּאָר, אונזער באַ־ליבטען און געשעצטען פריינד, יוסף אבן־עקנין, און זיין כלה, רות!

רות'ס פּנים איז רויט געוואָרען. זי האָט זיך אויף דעם יעצט ניט געריכט. זי האָט אייניגע באָל געהאַט אָנצוהערעניש פון שרה'ן, אויך שפרה האָט איהר אָנגעוואונקען, אַז יוסף אבן עקנין האָט זי ליעב, אָבער זי האָט נאָך פון איהם אַליין גאָרניט געהערט. אמת, ער האָט איהר די גאַנצע צייט אַרויסגעצייגט פיעל פריינדשאַפט און איבערגעגעבענהייט און זי האָט אין איהר הארצען געהאָפט, אַז ער וועט מיט איהר ריידען, אָבער די לעצטע צייט האָבען אַלע זעהר פיעל דורכגעמאַכט און עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט וועגען דעם ניט געקענט טראַכטען, און יעצט וואָס פאַר אַ גליקליכע איבעררוישונג.

— זאָל זיין מיט גליק און מיט מזל! — האָט שרה זיך אָפּגערופען און זיך צוקושט מיט רות'ן.

—אָה, טייערע רות, עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויך וויסען פון

גליק ! — האָט שׂרה זי געקושט און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— אויך רות׳ס אויגען זיינען אָנגעפֿילט געוואָרען מיט טרעהרען, געמישט פֿון פֿרייד און טרויער. עס האָט זיך פֿאַר זיי אָפּגעפֿרישט די אַלטע קוים פֿאַרהיילטע וואונד, דער טראַגישער סוף פֿון איהר באַליבטען מאַן און שׂרה׳ס ברודער, דוד. ער איז די גאַנצע צייט פֿון זייער זכרון ניט אַרויסגעגאַנגען. און כאָטש אַזוי פֿיעל יאָהרען זיינען פֿאַראיבער, איז דאָך אַלעמענס צער און טרויער ניט קלענער געוואָרען.

דער רמב״ם האָט באַמערקט דעם וואָלקען, וואָס האָט זיך גענומען פֿאַרציהען אויף אַלעמענס שׂמחה, און ער האָט זיך אָפּגערופֿען:

— לאָמיר ניט פֿאַרשטערען אונזער שׂמחה מיט טרויעריגע מחשבות. אויך איך טרינק פֿאַר דעם גליק פֿון מיין געטרייען און ליבען תּלמיד יוסף אבן עקנין און זיין אויסדערוועהלטע רות, דאָס אייניקעל פֿון רבי יפת. זאָל גאָט אייך ביידען בענשען און איהר זאָלט זיך ביידע עלטערען אין גליק און פֿרייד.

— מזל טוב ! מזל טוב ! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופֿען.

אין איניגע וואָכען אַרום האָט מען געפֿייערט די חתונה פֿון יוסף אבן עקנין און רות׳ן. עס איז געוועזען אַ גרויסע שׂמחה ביי אַלעמען. אַ גרויסער טיש איז אָפּגעגעבען געוואָרען פֿאַר די אָרימע פֿון שטאָדט, און ביי דער געלעגענהייט האָט דער רמב״ם דערצעהלט פֿאַר אַלע געסט און די אָרימע לייט ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפֿען מיט יוסף׳ן צום ערשטען מאָל.

— עס איז געוועזען אויף מיין חתונה מיט מיין פֿרוי שׂרה׳ן, זאָל געזונט זיין, אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו אָט דער טיש שטעהט יעצט, איז געזעסען אַ טויב־שטומער יונגערמאַן און געמאַכט אַ פּאַרזוך צו מיר צו רעדען אויף שטום־לשון. ער, דער יונגערמאַן, איז מיר זעהר געפֿעלען געוואָרען. ער האָט געשיינט צו זיין איידעל און האָט געהאַט זעהר קלוגע אויגען. איך בין געווען נייגעריג צו וויסען ווער ער איז און וואָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר. און רות, די יעצטיגע כּלה, האָט פּראָבירט זיין די דאָלמעטשערין צווישען מיר און איהם. ער האָט געוואָלט זיין מיין משרת. איך האָב ניט געהאַט דאַן בדעה אָנצושטעלען אַ משרת, אָבער ער איז מיר זעהר געפֿעלען געוואָרען און איך האָב צוגעשטימט. ער איז צו מיר גלייך געקומען אַרבייטען אַלס משרת. און ווייסט איהר אַלע, אַז יענער טויב־שטומער משרת איז דער יעצטיגער חתן יוסף אבן עקנין !

אַלע אָרימע לייט האָבען געווענדעט זייערע אויגען אויף דעם חתן, און דער רמב״ם האָט ווייטער גערעדט:

— יוסף אבן עקנין איז געוועזען זעהר אַ געלערנטער נאָך איידער ער איז צו מיר אָנגעקומען. ער האָט געוואָלט זיין נאָהענט צו מיר, כּדי ער זאָל קענען נאָך מעהר געניסען פֿון לערנען און וויסענשאַפֿט. און ער האָט געהערט, אַז איך שטעל קיינעם ניט אָן, האָט ער מורא געהאַט אַז איך וועל איהם ניט ערלויבען צו קומען צו מיר, האָט ער זיך פֿאַרשטעלט אַלס טויב־שטומער, און דורכדעם געוואונען צוטריט צו מיין הויז. איך דאַרף אייך דאָך ניט זאָגען, ווי שטאַרק איך שטאָלציר מיט מיין תּלמיד. ער איז מיר אַזוי ליעב ווי מיין אייגענער ברודער איז צו מיר געווען, און איך האָף, אַז איהר אַלע וועט מיט מיר איינשטימען, ווען איך וועל איהם אין אייער אַלעמענס נאָמען

ווינשען גליק. איך וויים, אז איהר, אזוי גוט ווי איך און אלע זיינע באַ־קאַנטע און פריינד, וועלען איהם עס ווינשען פון דער טיפעניש פון האַר־צען. זאָל גאָט געבען און זיי זאָלען וויסען בלויז פון גליק און פרייד.

— אמן! — האָבען אלע מיטאַמאָל אויסגערופען.

## קאַפּיטעל צוואַנציג

מיט יעדען יאָהר איז דעם רמב״ם'ס נאָמען מעהר באַריהמט געוואָרען ניט נאָר צווישען די אידען פון מצרים, נאָר אויך צווישען די אידען פון אנדערע לענדער, וואו גרויסע אידישע קהילות האָבען זיך געפונען. זיינע ספרים זיינען שנעל פאַרשפּרייט געוואָרען, און די גרעסטע חכמים און גע־לערענטע האָבען גענומען פאַרוואַרפען דעם רמב״ם מיט פאַרשידענע שווערע שאלות און דער רמב״ם האָט, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אזוי פאַר־נומען, יעדען איינעם אַליין אָנגעשריבען די תשובות.

דעם רמב״ם'ס זוהן אברהם איז אונטערגעוואַקסען און ער האָט אויך גענומען אַרויסצייגען זעלטענע פעהיגקייטען. אלע האָבען געקענט זעהן פאַראויס, אז ער געהט אין די פוס־טריט פון זיין פאָטער.

דער רמב״ם האָט אין זיין ליבען זוהן געפונען א טרייסט אין זיינע פיעלע צרות, ווייל כאָטש ער איז געווען שטאַרק געאַכטעט און געשעצט ביים קאַליף און וויזיר, און אידען, אזוי גוט ווי מאַכמעדאַנער האָבען אויף איהם געקוקט מיט גרויס כבוד און מיט ווירדע, האָבען איהם דאָך ניט געפעהלט קיינע אידישע שונאים, ניט פאַרגינער וועלכע האָבען מקנא געווען זיין גרויסקייט און געזוכט איהם צו ערנידעריגען און צו פאַרמיאוס'ן כדי אָפּצושוואַכען זיין גרויסע השפעה אויף דעם אידישען פאָלק.

פיעלע רבנים פון בבל און אנדערע לענדער האָבען געשטורעמט געגען דעם רמב״ם'ס ספרים, איבערהויפּט געגען דעם מורה נבוכים. זיי האָבען געזאָגט אז דאָרט געפינט זיך אפּיקורסות, און האָבען גענומען פאַרשפּריי־טען גיפט געגען רמב״ם און געגען זיינע ספרים.

ווען דעם רמב״ם'ס געטרייער און איבערגעגעבענער תלמיד רבי יוסף אבן עקנין האָט דערהערט, האָט ער באַשלאָסען אַרומצורייזען אין די פאַר־שידענע לענדער וואו דעם רמב״ם'ס געגנער פאַרשפּרייטען שענדליכע בלבולים געגען זיין גרויסען רבי'ן, כדי ער זאָל קענען ענטפערען זיינע שונאים און צוריקשליידערען זייערע בלבולים.

רבי יוסף אבן עקנין, וועלכער האָט זיך אַליין אויך ערוואָרבען א שעה־נעם נאָמען אַלס גרויסער געלערנטער, חכם, פילאָזאָף און אַלס רופא, איז נאָך מעהר באַריהמט געוואָרען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט ביים רמב״ם אין הויז א לענגערע צייט. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט א סך פון דעם רמב״ם'ס גרויסקייט און ער האָט איינגעזעהן, אז עס איז זיין פליכט צו לערנען מיט דעם אומוויסענדען פאָלק. די טיפזיניגע רייד פון זיין וויר־דיגען רבי'ן קורץ נאָך זיין חתונה מיט רות'ן האָט רבי יוסף אבן עקנין זיך פעראָפּשיידעט פון דעם רמב״ם, און צוזאַמען מיט זיין פרוי רות און איהר טאָכטער נעמי פאַרלאָזען קאַירא און אָפּגערייזט נאָך אלעפּאָ (חלב) אין סיריע. דאָרטען האָט רבי יוסף געגרינדעט א ישיבה און ער האָט גענומען פאַרשפּרייטען די לעהרע פון רמב״ם.

באַלד האָט זיך רבי יוסף אבן עקנין דערוואוסט, אַז אין באַגדאַד געפינט זיך אַ רב מיט'ן נאָמען רבי שמואל בן עלי, וועלכער הערט ניט אויף צו פאַרלוימדען און צו דערנידעריגען דעם רמב״ם'ס נאָמען.

רבי שמואל בן עלי וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ למדן און ירא שמים און איז געווען דער ראש ישיבה פון דער גרעסטער ישיבה אין בבל, האָט געזעהן, אַז מיט דעם וואָס דער רמב״ם ווערט מעהר באַריהמט און באַליעבט ביים פאָלק, ווערט אַ סך פון זיין אייגענער גרויסקייט געמינערט. האָט ער זיך שטאַרק מתקנא געווען אין רמב״ם און האָפענדיג אַז דורך דעם וואָס ער וועט באַפאַלען דעם רמב״ם מיט פאַרשיעדענע זלזולים און באַליידיגונגען, וועט זיין אייגענע ווירדע שטייגען און ער וועט באַריהמט ווערען. דאַריבער האָט ער גלייך אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג אַז דער רמב״ם זוכט אונטערצוגראָבען די יסודות פון יודענטהום, אַז ער איז אַ מאַן אַן אפיקורס און מען טאָר זיינע ספרים ניט לערנען.

רבי שמואל בן עלי האָט געהאַט פיעלע פריינד, וועלכע האָבען איהם אַרויסגעהאָלפען אין זיינע פאַרלוימדונגען און בלבולים.

ווען רבי יוסף האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָפּגערייזט נאָך באַגדאַד, וואו ער איז אַרויסגעטראָטען עפענטליך געגען רבי שמואל בן עלי, און האָט פאַרטיידיגט זיין רבי'ן דעם רמב״ם.

אַ גרויסע מחלוקת האָט זיך צופלאַקערט צווישען דעם רמב״ם'ס געגנער און זיינע אָנהענגער. עס איז געקומען צו אַן אָפענעם ויכוח צווישען דעם רמב״ם'ס תלמיד רבי יוסף און רבי שמואל.

אין דער גרויסער שוהל פון באַגדאַד האָבען זיך פאַרזאַמעלט די געגנער און אָנהענגער פון רמב״ם.

רבי שמואל בן עלי איז אַרויף אויף דער בימה און ער האָט גענומען ריידען געגען רמב״ם און זיינע ספרים מיט פאַרביטערונג. ער האָט געזוכט צו באַווייזען די פיעלע טעותים וואָס דער רמב״ם האָט געמאַכט.

באַלד איז אַרויפגעקומען רבי יוסף אבן עקנין און האָט צוקלאַפּט אַלע זיינע טענות, ער האָט גערעדט מיט אַזוי פיעל ליבשאַפט און אָפּשאַצונג וועגען רמב״ם, וועגען דעם גרעסטען מאַן אין ישראל זינט משה רבנו. ער האָט מיט גרויס באַגייסטערונג גערעדט וועגען דעם רמב״ם'ס גייסטיגע שאַפונגען, און ער האָט אַרויסגעוויזען אַז דעם רמב״ם'ס שונאים זיינען עם הארצים, ענגהערציג און ווילען ניט פאַרשטעהן דעם אמת.

רבי שמואל בן עלי איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען און ער האָט גענומען שאַרפען זיין צונג מיט נאָך שטאַרקערע אַרויסטרעטונגען געגען רמב״ם.

רבי יוסף אבן עקנין האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען פון דעם און ער האָט אַוועקגעשריבען אַ בריף צום רמב״ם, וואו ער האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין האַרץ וועגען די פאַרלוימדונגען פון זיינע שונאים, וועלכע זוכען איהם צו שעדיגען.

דער רמב״ם האָט איהם אויף דעם געענטפערט מיט לענגערען בריף צווישען וואָס ער זאָגט:

„ זיי וויסען, מיין ליבער זוהן און תלמיד, אַז איך האָב ניט מחבר געווען דעם „מורה נבוכים", כדי גרויס צו ווערען צווישען די אידען, גאָט איז מיין עדות אַז מיין ערשטע כונה איז געווען, כדי זיך אַליין צו באַרו־

היגען. איז האָב גענומען די אַלע געדאַנקען, וועלכע האָבען געזוכט א לייזונג אין מיין מח און איך האָב זיי צוזאַמענגעשטעלט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, בשעת איך האָב מיין חבור פאַרפאַסט, אַז ער וועט אַריינפאַלען אין די הענט פון קנאים און ניט פאַרגינער און זיי וועלען פאַרדרעהען די אמת׳קייט פון די רייד, כדי צו געווינען זייער אייגען ציעל און נוץ. דו דאַרפסט פאַרשטעהן, מיין טייערער תלמיד, אַז עס זיינען פאַראַן זעהר פיעל מענשען וועלכע האָבען אין לעבען גאַרניט דערגרייכט, און די גאוה און קנאה האָט זיך ערוועקט אין זיי. אָבער זאָלסט וויסען, אַז דאָס אַלעס וועט מיר גאַרניט שעדיגען. און איך וואָלט דיר געראַטהען אפילו מיט זיי ניט אַריינצוגעהן אין אַ ויכוח. איך קען פאַרשטעהן ווי דו פילסט, מיין זוהן, דו קענסט ניט פאַרליידען[אַז מענשען זאָלען באַליידיגען דיין רבי׳ן, איך פיהל מיט דעם וועהטאָג, אָבער איך בעט דיך, למען השם, און פון מיינעטוועגען ניט אַרויסרופען קיין מחלוקת מיט רבי שמואל בן עלי, אפילו ווען ער זאָל ניט האָבען קיין חכמה, האָט ער דאָך זקנה און עס איז ניט רעכט אַז אַ יונגער זאָל אַרויסטרעטען געגען אַן אַלטען מאַן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך זעהר געשעצט און געאַכטעט צווישען די אידען פון זיין שטאָדט און דו האָסט קיין רעכט ניט צו פאַרקלענערען זיין ווירדע צווישען זיינע אָנהענגער. און דאָס וואָס דו באַקלאָגסט זיך אַז ער האָט זיך גענומען צו באַליידיגען שריפטליך, דאַרף דיך גאַרניט פאַרדריסען, ווייל וואו געפינען מיר אַ מענשען וועלכער זאָל ניט שרייען ווען מען שלאָגט איהם. ווייסטו דען ניט אַז דו, מיט דיין אַרויסטרעטען געגען איהם, וועלענדיג מיך פאַרטיידיגען, האָסטו געוויס אָפגעשוואַכט זיין השפּעה און דורכדעם פאַרמינערט זיין פרנסה. און ווי קענסטו פאַרלאַנגען פון איינעם, וועמען דו האָסט פאַראורזאַכט שאָדען, אַז ער זאָל דיר ליעב האָבען און דיר אָפּגעבען כבוד?

---

ביז אין זיינע לעצטע יאָהרען איז דער רמב״ם געווען טעטיג אין אַלע הינזיכטען. ער איז געווען דער גרויסער רופא, וועלכער האָט געהיילט די געפעהרליכסטע מחלות. ניט נאָר האָט ער געהיילט די משפּחות פון דעם קאַליף און וויזיר, נאָר אויך פון דעם פשוט׳ן המון, ווען קיין אַנדער דאָקטאָר האָט ניט געקענט אויסהיילען אַ קראַנקען.

דער רמב״ם האָט אויך ביז זיינע לעצטע יאָהרען געשריבען פאַרשיעדענע ספרים און קאָרעספּאָנדירט מיט די גרעסטע רבנים, חכמים און געלעהרטע פון אַלעלענדער.

זיין ביסעל פרייע צייט וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אָפּגעגעבען צו לערנען מיט זיין ליעבען זוהן אברהם. ער האָט איהם געלערענט תורה און חכמה, אויך מעדיצין.

אברהם האָט אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין אַלעם. ער האָט פון זיין פאָטער גע׳ירשנ׳ט זיין כאַראַקטער, זיין ערענסטקייט, זיין מילדקייט, זיין פרומקייט און עניוות, אָבער ניט דעם רמב״ם׳ס גרויסקייט און טיפקייט צו וועמען עס איז קיין גלייכען ניט געווען.

ווען דער רמב״ם איז אַלט געוואָרען און ער איז שוין געווען שוואַך אין געזונט, האָט זיין זוהן אברהם פאָרטגעזעצט די גוטע אַרבייט.

די אידען פון קאַירא האָבען אויסגעקליבען אברהם אַלס זייער הויפּט (נגיד) און פלעגען קומען הערען פון איהם תורה און חכמה.

שיינדל חיה בת ר' יוסף



אויך דער קאַליף האָט מקרב געווען דעם זוהן פון גרויסען פּאַטער, און ווען עס איז שוין געווען אונמעגליך פאַר'ן רמב"ם צו קומען באַזוכען דעם קאַליף'ס פּאַלאַץ, צו היילען די חולים, האָט עס אברהם געטהאָן.

דעם רמב"ם'ס שוואַכער קערפּער איז נאָך מעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון אַזוי פיעל אַרבייט און אויך פון די שווערע יאָהרען מיט צרות און פּלאָגען, וואָס דער רמב"ם האָט דורכגעמאַכט.

ווען ער האָט געזעהן אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע, האָט ער צו זיך צוגערופען זיין זוהן אברהם און איהם געבעטען ער זאָל איהם באַגראָבען אין ארץ ישראל.

— מיין גאַנצען לעבען האָב איך געשטרעבט צו זיין אין ארץ ישראל, דאָרטען צו לערנען און צו שטאַרבען אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות, אָבער די אומשטענדען זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען אוממעגליך געמאַכט אַז מיין וואונש זאָל ערפילט ווערען ביי מיין לעבען. איך האָב באַזוכט ארץ ישראל, אָבער איך האָב דאָרט ניט געקענט פאַרבלייבען, און יעצט איז מיין וואונש אַז מיינע ביינער זאָלען דאָרטען רוהען.

נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, האָט רבנו משה בן מימון אויסגעהויכט זיין ריינע און הייליגע נשמה.

צוואַנציג טעג אין חדש טבת, תתקס"ה (1204), אויף דעם זיבעציגסטען יאָהר פון זיין לעבען, איז געשטאָרבען דער גרויסער מאַן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט ליכט אין דעם אידישען פינסטערען גלות לעבען.

גרויס איז געווען דער יאָמער און טרויער צווישען די אידען און ניט אידען. בליץ שנעל האָט זיך די טרויעריגע בשורה פון דעם רמב"ם'ס טויט פאַרשפּרייט איבער גאַנץ מצרים און עס האָט אויך דערגרייכט ארץ ישראל. „עס איז געשטאָרבען משה דער געטליכער מאַן"... אין מצרים האָבען די אידען און מאַכמעדאַנער איהם מספיד געווען און געטרויערט דריי טעג.

דער קאַליף האָט אַרויסגעגעבען אַ פּאַרזאַג, אַז דריי טעג פון טרויער איבער דעם רמב"ם'ס טויט זאָל ערקלערט ווערען איבער דעם גאַנצען לאַנד.

די אידען פון ירושלים האָבען ערקלערט אַ פאַסט-טאָג און זיי האָבען אַרויסגענומען די ספר תורה און געלייענט די תוכחה און זיי האָבען פאַרענדיגט די הפטרה: גלה כבוד מישראל, כי נלקח ארון האלהים (דער כבוד איז אַוועק פון ישראל, ווייל דער ארון פון גאָט איז צוגענומען געוואָרען).

נאָכדעם ווי די טרויער טעג זיינען פאָריבער, האָט אברהם, דעם רמב"ם'ס זוהן און זיין משפּחה גענומען מאַכען פאַרבאַרייטונגען צו זיין לויה.

ער האָט פאַר דעם קאַליף באַקאַנט געמאַכט זיין פּאַטער'ס וואונש, באַגראָבען צו ווערען אין ארץ ישראל. דער קאַליף האָט די ערלויבעניש געגעבען און אַ פּאָר צעהנדליג פון די חשוב'סטע אידען פון קאַירא, האָבען זיך אונטערגענומען צו טראָגען דעם ארון מיט'ן רמב"ם דעם גאַנצען וועג, ביז וואַנען ער וועט געבראַכט ווערען צו זיין אייביגער רוה, אין ארץ ישראל.

לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען מיט דער שווערער משא. יעדע האַלבע שעה האָבען זיי זיך געביטען. איין העלפט האָבען זיך אָפּגערוהט און די אַנדערע העלפט האָבען אויף זייערע פּלייצעס געטראָגען דעם ארון.

דעם גאַנצען וועג האָבען זיי געזאָגט תהילים, ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען אין ארץ ישראל, ניט ווייט פון ברעג ים.

מאַנאַטען האָט די לויה געדויערט, ווייל זיי האָבען געדאַרפט נעהן זעהר לאַנגזאם, און ווען די פּיס פון די מלוים האָבען ענדליך ארויפגעטראַטען אויף דעם הייליגען באָדען, זיינען זיי געווען צופרידען און גליקליך. וואָס ענדליך וועלען זיי קענען דעם רמב"ם׳ס וואונש ערפילען און איהם ברענגען צו זיין אייביגער רוה אין ארץ ישראל, ווי ער האָט פאַרלאַנגט. זיי האָבען זיך געשטעלט מתפלל זיין ארום דעם ארון, און פּלוצלונג האָבען זיי געזעהן ווי פון ווייטען קומען אָן בעדואינער רויבער. זיי האָבען געריטען אויף זייערע פערד, לאַנגע שפּיזען האָבען זיי געהאַלטען אין זייערע הענט און זיי האָבען זיך גענומען דערנעהנטערען צו די אידען.

— א טויט שרעק איז אויף אַלע אידען אַנגעפאַלען און זיי האָבען זיך גענומען צולויפען. בלויז דעם רמב"ם׳ס זוהן אברהם איז געבליבען שטעהן און זיך ניט גערירט פון אָרט.

די בעדואינער, דרייסיג אין צאָהל, זיינען צוגעקומען און אַרונטער פון זייערע פערד.

— וואָס פיהרסטו דאָ אין ארון? — האָבען זיי זיך צו אברהם׳ען אָפּגערופען.

— איך פיהר די ביינער פון מיין פאָטער, איהם צו באַגראָבען אין ארץ ישראל! — האָט אברהם געענטפערט.

די בעדואינער האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דיין פאָטער וועט זיין קבורה געפינען אין ים — האָט דער הויפּט פון די רויבער זיך אָפּגערופען.

— איך בעט אייך — האָט אברהם זיך גענומען בעטען ביי די רויבער — מיר וועלען אייך איבערגעבען אַלעס וואָס מיר האָבען מיט זיך. נאָר לאָזט אונז באַגראָבען מיין פאָטער, וועלכער איז געווען א הייליגער מאַן.

— די פאַרמעגענס וואָס דו און דיינע פריינד האָבען מיט זיך וועלען מיר אַלץ איינס קריגען, און דעם ארון מיט דיין פאָטער וועלען מיר אריינשליידערען אין ים! — האָט דער הויפּט אויסגערופען און א וואונק געגעבען צו די אנדערע, זאָגענדיג:

— שנעלער, ברענגט אהער אָט די אַלע אידען, וועלכע זיינען זיך צולאָפען.

די רויבער האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף זייערע פערד און גלייך ארומגערינגעלט די צושראָקענע אידען און זיי צוגעטריבען צו זייער הויפּט.

— ליידיגט אויס אייערע קעשענעס און גיט אָפּ אַלעס וואָס איהר האָט — האָט דער הויפּט פון די רויבער זיך געווענדעט צו זיי — און דערפאַר וועל איך פאַר אייך גרינגער מאַכען. איך וועל אייך פאַרשפּאָרען צו שלעפּען דעם ארון. מיינע מענשען וועלען דעם ארון אין ים אריינוואַרפען.

די אידען האָבען אָפּגעגעבען אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט מיט זיך און גענומען זיך ביי זיי בעטען, זיי זאָלען ניט פאַרשוועכען דעם ארון און זיי זאָלען ניט שטערען דורכצופיהרען דעם טויטענ׳ס וואונש. זייערע געבעטען און געוויינען האָבען אָבער ניט געהאָלפען.

— וויפיעל פון אייך דאַרפט איהר האָבען כדי אויפצוהויבען דעם ארון? — האָט דער הויפּט געפרעגט.

— אַמווייניגסטענס צעהן פון אונז.

— אה, איהר שוואַכלינגע! — האָט זיך דער הויפּט פאַנאַנדערגעלאַכט

— איך וועל אייך ווייזען, אז בלויז צוויי פון מיינע העלדען וועלען קענען דעם אָרון אויפהויבען.

ער האָט צוגערופען צוויי העלדישע בעדואינער און זיך צו זיי אָפּגערופען:

— הויבט אויף דעם ארון און וואַרפט איהם אריין אין ים!

די בעדואינער האָבען פון זיך אראָפּגעוואָרפען זייערע אויבער־בגדים און זיינען צוגעקומען צום ארון און געמאַכט א פּרוּוו איהם אויפצוהויבען. אָבער זיי האָבען איהם ניט געקענט א ריהר טהאָן פון אָרט...

— געה און העלף זיי — האָט דער הויפּט זיך אָפּגערופען צו א דריטען פון די בעדואינער.

דער דריטער איז צוגעגאַנגען אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. זיי האָבען דעם ארון ניט געקענט ריהרען. דאַן איז דער הויפּט אַליין צוגעגאַנגען און מיט אַלע זיינע כחות פּרובירט הויבען צוזאַמען מיט די איבעריגע און עס האָט ניט געהאָלפען.

ווען צעהן פון די בעדואינער האָבען ניט געקענט אויפהויבען דעם ארון, האָט ער זיך שוין עטוואָס פארשעהמט.

— לאָמיר אַלע א נעהם טהאָן דעם ארון און איהם אריינוואַרפען אין ים — האָט ער זיך אָפּגערופען.

אַלע דרייסיג בעדואינער האָבען זיך מיט האַסט א וואַרף געטהאָן אויף דעם ארון, און מיט אַלע זייערע כוחות זיך גענומען איהם אויפהויבען, אָבער זיין האָבען איהם פון פּלאַץ ניט געקענט א ריהר טהאָן.

— אין ארון ליגט ווירקליך א הייליגער מאַן — האָט זיך דער הויפּט פון די רויבער אָפּגערופען, ווישענדיג די שוויים פון זיין פּנים.

— לאָמיר זעהן ווי צעהן פון אייערע וועלען דעם ארון אויפהויבען?

צעהן אידען האָבען דעם ארון גלייך אויפגעהויבען.

דער הויפּט און די אנדערע בעדואינער זיינען געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט פון שרעק.

— גיט יעדען צוריק זיין געלד וואָס איהר האָט גענומען— האָט ער באַפוילען.

די רויבער האָבען צוריקגעקעהרט דאָס געלט צו די אידען.

— איך פארלאַנג אז איהר זאָלט בעטען דעם טויטען ער זאָל אונז מוחל זיין און דערפאַר וועלען מיר אייך באַגלייטען ביז דעם פּלאַץ וואו איהר וועט איהם באַגראָבען, און מיר וועלען אייך באַשיצען פון אנדערע איבערפאַלען.

— מיין פאָטער וועט אייך מוחל זיין — האָט אברהם זיך אָפּגערופען.

אין דער באַגלייטונג פון די בעדואינער האָבען די מלוים געבראַכט דעם רמב"ם'ס קערפּער אין דער שטאָט טבריה און דאָרטען האָבען זיי איהם מקבר געווען.

אויף זיין מצבה האָבען זיי אויסגעקריצט:

„פה טמון רבנו משה בן מימון מבחר האנושי" (דאָ ליגט רבנו משה בן מימון, דער אויסדערוועהלטער פון דער מענשהייט).